STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06118

DI HAVAYI INZLEN

S. Borenshteyn

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ס. בארענשטיין

די וועלט
און
אירע נאטור וואונדער

פון

ס. בארענשטיין

(א ביאליסטאקער)

די האוואַי אינזלען

לאָנדאָן, 1931

ארויסגעגעבען און געדרוקט

ביי י. נרודיצקי, 48, מייל ענד רויד, לאָנדאָן, א.1.

MADE AND PRINTED IN ENGLAND

די וועלט
און אירע נאטור וואונדער

ג ע ו ו י ד מ ע ט

מיין טייערן ברודער

יעקב באַרענשטיין

פאָרעדע.

די וועלט און אירע נאַטור וואונדער איז דער אינהאַלט פֿון דיזען בוך, און דערמיט האָב איך זיך געשטעלט אַן אויפגאַבע צו שאַפען אַן אָריגינעלע ווערק פאַרן אידישן לעזער.

אַלע קולטורעלע פעלקער פון דער וועלט האָבן אַזעלכע באַשרייבונגען; אָבער מיר אידען האָבן דאָס ניט. מערקווירדיג, מיר אידען וואָס נעמען אַן איינטייל מיט אַלע פעלקער גלייך אויף אַלע געביטן פון קונסט, וויסענשאַפט, אָבער אויפן געביט „די וועלט און אירע נאַטור וואונדער", אין דעם פּרט זיינען מיר אידען זייער אונטערשטעליג.

ביי די אומות־העולם ווערן אַרויסגעשיקט געלערענטע עקספעדיציעס אין פאַרשיידענע טיילען פון דער וועלט, און זיי באַרייכען זייערע ליטעראַטורן און מוזעאומס... אָבער וואָס טוען מיר אידען אויף דעם געביט? גאָרניט! דעריבער האָב איך זיך אַליין געשטעלט די אויפגאַבע אויך צו באַרייכען אונזער אידישע ליטעראַטור מיט אַ באַשרייבונג פון אַלע נאַטור וואונדער פון דער וועלט דורך מיין אייגענער דערפאַרונג, און אויך זאַמלען אַ קאָלעקציע פון מינעראַלן און פאַרשיידענע אַלטימליכקייטען פון פרימיטיווע פעלקער פון אַלע טיילן פון דער וועלט פאַר אַ אידישען מוזעאום. יאָרן אַרבעט האָב איך שוין אויף דעם אַוועקגעגעבען מיט דערפאָלג, און מיט

גרויס פרייד טייל איך זיך איצטער מיטן אידישן לעזער מיט מיין ארויסגעגעבען דעם ערשטען בוך אין דער אידישער שפראך איבער די נאטור וואונדער פון די האוואיע אינזלען. מיין אויפגאבע צו דערגרייכען מיין ציל איז זייער א שווערע, מחמת זייענדיג אליין אן הארעפאשניק פאלט מיר מאנכעס מאל צו לאסט די עקאנאמישע באדינגונגען, און שטערט מיין ארבעט. אבער זייענדיג באלאדן מיט פולן גלויבן פאר דער גוטער זאך און וואס איך וועל בייזשטייערן פאר דער אידישער ליטעראטור בכלל, און פארן אידישן מוזעאום בפרט, וועל איך מיט מוט פארזעצען די ארבעט, וואס איך האב זיך אונטערגענומען און מיט מסירת־נפש דערגרייכן דעם ציל.

ס. בארענשטיין.

„קילא אויע וואַיקע״

(דער אייביג שפּייענדיקער פייער)

די האַוואַי־אינזלען זיינען איינע פון די שיינסטע גרופּען אינזלען, וואָס געפינען זיך אויפן שטילן ים (פּאַסיפיק). זיי צייכענען זיך אויס מיט זייערע אייביקע פייער־שפּייענדיקע בערג, מיט וואונדער־שיינע, טיפע קעניאָנס און ריזיקע וואַסערפאַלן. דאָרט געפינט זיך דער באַוואוסטער בארג מאַנאַ־לאָה, וואָס איז 14 טויזענט פוס די הויך, איז אייביק מיט שניי באַדעקט, און פון זיין שפּיץ אָטעמט אַ ברענענדיקער „קראַטער״.

די שיינע האַוואַי־אינזלען צייכענען זיך אויך אויס מיט וואונדערבאַרע פלאַנצונגען און מיט אַזעלכע מינים פיש וואָס מען קאָן אין קיין אנדער פּלאַץ אויף דער וועלט ניט זען.

די פּרימיטיווע איינוואוינער, די קאַנאַקאַס, וואָס שטאַמען פון דער פּאָלינעזער ראַסע, זיינען איצט באַוואוסט מיט זייער אָריגינעלער שיינער טרויעריקער מוזיק, וואָס ווערט געשפּילט איבער דער גאַנצער וועלט.

די האַוואַי־אינזלען זיינען צום לעצטען מאָל ענטדעקט געוואָרן פון דעם בארימטן ענגלישן קאַפּיטאַן „קוק״ אין יאָר 1778, און ער האָט זיי דעמאָלט אַ נאָמען געגעבען „סענדוויטש־אינזלען״, אַ נאָמען נאָך זיינעם אַ פריינד.

נאָך מיט יאָרען צוריק האָבן די האַוואַיער „פּריסטס״ פאַראויסגעזאָגט אַז פון גאַנץ ווייט פון ים וועלן קומען צו זיי זייערע

געטער מיט ווייסע פנים'ער און זייער נבואה איז מקוים געוואָרן. זיי האָבן קאפּיטאן קוק מיט זיין מאַנשאפט אויפגענומען ווי געטער און זיי באַזעצט אין זייערע טעמפּלען, ווי עס פּאַסט פאַר געטער. אָבער קעפּטיין קוק און זיין מאַנשאפט זיינען געווען בלויז ערדישע מענטשן. און אין אַ געשלעג מיט די האוואאיער צוליב אַ פרוי, איז קעפּטיין קוק דערהרג'עט געוואָרן. זיין קערפּער האָבן זיי צושניטן אויף שטיקער און זיי געוואָרפן פאַר הינט. זיין האַרץ האָבן זיי אויפ־געהאָנגען אויף אַ בוים. קינדער האָבן געמיינט אַז דאָס איז די האַרץ פון אַ חזיר האָבן זיי דאָס אויפגעגעסן. דאָס איז געווען דער סוף פון גרויסן ים־רייזענדער קעפּטיין קוק.

די ערשטע ווייסע מענטשן וואָס האָבן זיך באַזעצט אויף די האוואאיער אינזלען זיינען געווען מיסיאָנערן. זיי האָבן זיך צוגע־קוקט צו זייערע מנהגים האָבן זיי אַנדערש ניט געדיינקט אַז זיי זיי־נען איינע פון די פאַרלאָרענע אידישע שבטים.

זייערע טעמפּלען זיינען געווען געבויט די זעלבע ארכיטעקטור ווי ס'איז געווען דער בית־המקדש. און דער געזעץ איז ביי זיי גע־ווען בעת אַ פאַרברעכער פלעגט זיך אויסבאַהאַלטן אין טעמפּעל, האָט אים דאָס פאָלק ניט געטאָרט באַרירן ביז די פּריסט (הייליגע) האָבן מסכים געווען אַז ער איז שולדיג.

בעת אַ אינגעל פלעגט ווערן געבוירן פלעגן זיי אים מל זיין, פונקט ווי ביי אונז אידן.

פון קיין שריפט האָבן זיי ניט געוואוסט, איז טאַקע זייער שווער צו דערגיין זייער אָבשטאַמונג. אָבער די לעגענדעס וואָס ס'ווערט ביי זיי דערציילט איז זייער פיל ענליך צו אונזערע. די לעגענדע בנוגע יוסף מיט די ברידער און דער מבול (Kaiakahnalu) און אַפילו פון משה רבינו, ווי אַזוי אַ פּרינצעסין האָט אים פון ים ארויסגענומען און ער איז אויסגעוואַקסן אַ פאָלקס־פירער.

איינער פון די מיסיאָנערן האָט זיך אויסגעלערנט זייער שפּראַך און האָט זיך אוועקגעלאָזן פאַר אַ לאַנגע נסיעה איבער די אינזלען און ער האָט אָנגעטראָפן אַ וואַנדער־טרייב ווייסע מענטשן ענליך צו אידן און זיי האָבן גערעט אַ שפּראַך וואָס ער האָט זיי ניט פאַר־

שטאַנען. דעריבער דיינקן מאַנכע געלערנטע אַז די האַוואַיער האָבן עפּעס יאָ אַ שייכות צו אידן.

די סענדוויטש־אינזלען זיינען אין גיכן באַוואוסט געוואָרן אַלס דער גן־עדן אויף דער וועלט. און די אַמעריקאַנער רעגירונג האָט דעם גן־עדן אין יאָר 1900 ערקלערט אַלס איינע פון אירע טעריטאָריעס...

נאָך דעם ווי איך האָב „דורכגעהייקט“ אַלע אינטערעסאַנטע פּלעצער פון אמעריקא, האָב איך מיט נאָך אַ חבר דעם 10־טן יאַנואַר זיך אַרויפגעזעצט אויף דער שיף „ווענטורא“ וועלכע האָט מיך דורכגעשיפט 2800 מייל צום ערשטן אינזעל. און פון דאָרטן האָב איך אָנגעהויבן מיין „הייק“ איבער אַלע אינטערעסאַנטע וואונדער פּלעצער פון די שיינע האַוואַאי־אינזלען.

ווען איך מיט אַ חבר האָבן דערגרייכט די נאָהנטקייט פון צען מייל צום פייער־שפּייענדיקן באַרג „קילאָ־אויע וואַיקע“, וואָס געפינט זיך אויף דעם האַוואַאי־אינזעל „הילאָ“ איז שוין געווען שפּעט נאָך האַלבן טאָג. מיר האָבן זיך געאיילט, איידער ס'ווערט פינסטער, צו דערגרייכן דעם לאַוואַ אָבגרונד, וועמענס טיפקייט איז זעקס הונדערט פוס.

וואָס נענטער מיר זיינען צו אים צוגעקומען, אַלץ מער האט זיך געמערקט די פאַרניכטונגס אַרבייט פון די וואולקאַנען אויסברוכן.

ווייט־ווייט, וואו נאָר דאָס אויג קען גרייכן, ציען זיך לאַוואַ, —פעלדער וואָס קוקן אויס ווי פאַרהאַרטעוועטע פעך. און די ביימער, וואָס האָבן דאָ אַמאָל געבליט פאַר דער לאַוו־פאַרפּליציונג, זיינען אַלע כמעט פאַרניכטעט געוואָרן. איינציגע ליגן צוליגט, אַנדערע איבערגעבראָכן, און פילע ביימר האָבן דאָס אויסזען ווי פאַרזעענישן. עס מאַכט דעם איינדרוק פון אַ ביימער בית־עולם. נאָר תיכף דערזעט מען אַ וואונדערבאַרע נאַטור ערשיינונג: מען זעט ווי טויטע ביימער שטייען אויף תחית־המתים. זיי ווילן אייביק טויט ניט בלייבן. פון זייערע טויטע פאַרשרפ'עטע גופים שפּראָצט אַרויס דאָס נייע לעבן. און אַרום זיי אויף דער אָבגעקילטער פאַר־

WORKERS COOPERATIVE
LIBRARY

האַרטעוועטער לאַווע, וואַקסן אויס וואונדערשיינע טראַפּישע פלאַנ־צונגען, וואָס נאָר דאָ קען מען זיי זען.

ווען מיר האָבן דערגרייכט דעם „אויסגעשלאָסענעם גראַטער" און מיר האָבן זיך באַדאַרפט אַרונטערלאָזן זעקס הונדערט פוס טיף, כדי „דורכצוזוכן" די 2650 אַקער פאַרקילטע לאַווע־פעלדער, און אַזוי אַרום דערגרייכן דעם ברענענדיקן „קראַטער"—האָט זיך שוין די זון געזעצט. און דאָ האָט זיך פאַר אונזערע אויגן אָבגעשפּילט אַ פּרעכטיקע פּאַנאָראַמאַ פון זון־אונטערגאַנג.

ווייט־ווייט, וואו דאָס אויג האָט נאָר געקענט דערגרייכן, האָבן זיך געצויגן לאַווע־פעלדער, באַצירט מיט לאַווע־פעלזן פון פאַרשי־דענעם אויסזען. פיל האָבן אויסגעזען ווי מענטשליכע קעפּ, אַנדע־רע ווי צוזאַמענגעדריקטע גלידער פון חיות און אַ פּאָרע האָט פון זיי אָלעמען געזעצט, ווי זיי וואָלטן אַלע שווער געסאָפּעט.

און פון ברענעדיקן „קראַטער" אַרויס האָט זיך געהויבן אַ ריי־זיקער זייל רויך דורכגעפלאָכטן מיט אַ פייערדיקן צונג, וואָס האָט זיך אַלע ווײַלע צום הימעל געריסן. און אויף דעם הימעל און אויף די לאַווע־פעלדער האָט זיך גענומען באַווייזן אַלץ שיינערע בילדער. אָט האָט דער הימעל אין אַ פייערדיקן מאַנטעל זיך איינגעהילט, און די שפּיצן פון די לאַווע־פעלזן האָבן זיך מיט רויטן פּורפּור באַדעקט. און די זון—רויט פלאַמענדיק האָט זיך צום „ברענענדיקן קראַטער" דערנענטערט און צוויי פייערדיקע ריזן האָבן צווישן זיך גענומען קאָנקורירן מיט זייער ברענענדער קראַפט. נאָר לאַנג האָט דער ספּעקטאַקעל ניט אָנגעהאַלטן. די צייט פאַר דער ברענענדיקער זון צו פאַרשווינדן איז געווען נאָענט. די נאַכט האָט זיך אָנגערוקט צו פאַרנעמען איר פּלאַץ. זי האָט אויף שנעל די רויטע פלאַמען פון די לאַווע־פעלזן פאַרשלינגען און איז געבליבן די הערשערין אי־בער אַלץ.

ווען מיר האָבן דערגרייכט דעם באָדן פון קעניאָן איז שוין דער הימעל געווען מיט טונקעלע וואָלקענס באַדעקט. וואו ניט־וואו האָבן שטערן געפינקעלט און גאַנץ ווייט האָט זיך יעדע ווײַלע אַ זייל ברענעדיקע פייער פון „קראַטער" אַרויסגעריסן און צום הימעל זיך געהויבן.

וואָס פינסטערער עס ווערט דאָ, אַלץ שטאַרקער הויבט אָן דאָס האַרץ צו קלאַפּן. עפּעס אַ מוראדיקע שטימונג נעמט אייך דאָ אַרום. קיין לעבעדיק באַשעפעניש זעט מען דאָ ניט: שוואַרץ, פינסטער איבעראַל וואו נאָר דאָס אויג פאַלט. און ביי דער פאַרקילטער שוואַרצער לאַווע און פון די לאַווע־שפּאַלטן זעצט אַרויס אַ רויך.

מיר הויבן אָן אַ „הייק" איבער די לאַווע־פעלדער, בדי צו קומען צום פייער־שפּייענדיקן באַרג. מיר רעכענען אויס ווי אַזוי אים צו דערגרייכן דורך אַ „שאָרט־קאַט" (קירצערן וועג). מיר שטויסן זיך אָבער תיכּף אָן אין דער אומעגליכקייט דאָס דורכצופירן. מיר האָבן פּשוט פאַרגעסן אַז אויף לאַווע־פעלדער קען מען ניט גיין ווי אויף בערג אָדער געוועגליכע פעלדער וואו מ'קען מאַכן „שאָרט־קאַטס". די לאַווע־פעלדער האָבן זיך מיושבדיק אויסגעלייגט אין שפּיציקע פעלזן און אין טיפע גריבער, און תמיד שלאָגט פון זיי אַ שטאַרקע פאַרע, וואָס דראָעט מיט געפאַר יעדן איינעם, וועלכער וויל זיך צו זיי דערנענטערן. דערצו נאָך זיינען זיי נאָך ניט פאַר־האַרטעוועט געוואָרען און מען קען זייער לייכט אין זיי איינזינקען.

מיר זעצן פאָר אונזער גאַנג און באַלד פאַלן מיר אַריין אין אַ גרוב. מיר קריכן פון אים אַרויס, און עס גדויערט ניט לאַנג, ווי מיר פאַלן אַריין אין אַ צווייטן און צו'מזיק'ן זיך אַזוי היבשליך.

מיר פאַרשטייען איצט אַז דורך דעם וועג, וואָס מיר ווילן גיין צום „קראַטער" וועלן מיר אים קיינמאָל ניט דערגרייכן. הויבן מיר אָן צוזוכן אַנ'אַנדער וועג וואָס קען אונז פירן אהינצו אָן געפאַר. דערווייל ווערט פינסטער און אָן דער הילף פון אַנ'עלעקטרישן לאַנ־טערן קען מען קיין טריט ניט טאָן. נאָך פיל אָנשטרענגונגען און זוכענישן האָבן מיר ענדליך געפונען אַ אינדיאַנער „טרייל" (סטעזש־קע). דאָס זיינען דריי שטיינער אַזעלכע, איינע אויף די אַנדערע אַרויפגעלייגט וואָס ציען זיך אין אַ געוויסער ריכטונג. דאָס איז דער סימן וואָס אינדיאַנער מאַכן כדי ניט צו בלאָנדזשען. אין נאָך דער דאָזיקער טרייל נאָך זיינען מיר מיט אונזערע „פלעש־לייטס" פאַראויס געגאַנגען זייער פאָרזיכטיק כדי אויסצומיידן די שפּיציקע לאַווע־פעלזן, אָדער אַריינפאַלן אין די לאַווע־לעבער.

ענדליך נאָך איניקע שעה „הייק" האָבן מיר דערגרייכט דעם

טייוועלס־קיך (דעווילס קיטשען) ווי די דאַרטיקע איינוואוינער רופן עס.

דער „טייוועלס־קיך" איז אַ טיפער הייל, וואָס ציט זיך ווייט אויף פאַרדרייטע אונטערערדישע וועגן. די געבוירענע אויפן אינזעל גלויבן, אַז דאָרט געפינט זיך דער טייוועל, און די פאַרדרייטע אונ־טערערדישע וועגן שאַפן אַ פּלאַץ, וואָס דאַרף זיין די קיך זיינע. און זיי ציטערן נאָענט צו אים צוגיין.

מיר זיינען אין דער „הייל" אריינגעקראָכן און באַטראַכט זיי־נע קרומע חדרים וואָס אַ פייערשטראָמענדע לאַווע האָט דאָ אויס־געוועלבט איידער זי איז אויף דער פריי ארויס.

מיר האָבן גוט באַטראַכט דעם פּלאַץ, געמאַכט אייניקע סמנים לויט וועלכע מיר זאָלן קענען געפינען דעם וועג צוריק. אין פאַל ס׳וועט גיין אַ רעגן האָבן מיר באַשלאָסן אין „טייוועלס־קיך" צו באַשיצן זיך און האַלטן דאָרט נאַכטלעגער.

מיר פאַנגען אָן גיין צום „קראַטער" און ס׳דאַכט זיך אונז, אַז מיר זיינען גאַנץ נאָענט צו אים. מיט אַמאָל, ווי אויף צו להכעיס, צובונטעוועט זיך די „פּלעשלייטס" און מיר בלייבן אין דער פינס־טער. מיר פאַנגען אָן אין דער פינסטער די לאָמטערן צורעכט צו־מאַכן. ס׳איז אָבער אונמעגליך אין דער פינסטער צו דערגיין וואָס ס׳איז געשען. מיר בלייבן שטייען פאַרצווייפעלט. וואָס טוט מען? מיר באַשליסן גייען אין דער פינסטער. ס׳האָט זיך אונז אויסגע־דוכט אַז מיר זיינען נאָענט צום קראַטער. אָבער מיר זען תיכף איין די אונמעגליכקייט צוגיין ביינאַכט אויף לאַווע־פעלדער אָן באַלויכ־טונג.

מיר פאַלן אריין אין לאַווע־לעכער און מיר צומזיק׳ן זיך. קריכן מיר ארויס פון די לעכער, פּרובירן גייען ווייטער. טאַפּען אין דער פינסטער צו דערקענען דעם „אינדישן טרייל" — אומזיסט אונזער זוכן: מיר האָבן פאַרבלאָנדזשעט. מיר שטויסן זיך אָן אָן שפּיציקע פעלזן. ס׳ווערט געפערליך אַ טראָט צוטאָן ווייטער. מיר ווערן פאַר־צווייפעלט. מיר ווייסען ניט וואָס צוטאָן. אַזוי פיל זיך אָנגע־שטרענגט און זיין אַזוי נאָענט צום קראַטער, ממש מיט דער האַנט

צו דערגרייכן, און ניט קענען צו אים צוקומען. פונקט ווי טייוואַ־לים פון „טייוועלס־קיך" וואָלטן אונז דאָ דעם שפּיצעל אָבגעטאָן און פאַרפירט אונז ערגיץ ווער ווייס וואוהין. ס'בלייבט פאַר אונז קיין אַנדער אויסוועג ניט, ווי בלייבן דאָ וואַרטן ביז פאַרטאָג. נאָר אַזוי ווי מיר האבן געוואוסט, אַז אַרום דעם ברענענדיקן „קראַטער" גיסט אָפּטע רעגענס צוליב דער היץ, וואָס ער גיט פון זיך אַרויס, האָבן מיר באַשלאָסן אומצוקערן זיך צום „טייוועלס־קיך", וואָס מיר האָבן נאָר וואָס פאַרלאָזט, כדי דאָרט צו באַשיצן זיך פון מעגליכן רעגן. נאָר ווייטער דיזעלבע צרה: מיר גיבן אַ טראָט און שטויסן זיך אָן אָן פעלזן און פאַלן אַריין אין גריבער. ס'איז קלאָר, אַז מיר קענען ווייטער ניט גיין, מיר מוזן בלייבן וואו מיר זיינען, ביז ס'וועט ווערן טאָג.

שעה'ן זיינען פאַראיבער. מיר זיצן אויף אַ לאַוואַ־פעלז, אונ־זערע אויגן בלאָנדזשען אַרום איבער די שוואַרצע לאַוואַ־פעלדער און איבער'ן טונקעלן הימעל. און מיר קענען דאָס אויג פון קראַטער ניט אָפּרייסן. מיט פאַרדרוס קוקן מיר אויף אים: זיין אַזוי נאָענט צו אים און ניט קענען צוקומען. מיר באַשליסן דאָ איבערצולאָזן אונזערע פּעק און פּרובירן קריכן אויף אַלע פיער כדי צו דערגרייכן דעם ברענענדיקן מויל פון פייער־שפּייענדיקן באַרג.

מיר שטרעקן אויס די רעכטע האַנט פאַראויס אַלס וועגווייזער. ווען זי טאַפּט אָן אַ פעסטן באָדן, פאַרנעמט תיכף איר פּאָזיציע די קני. און דאָס אויג מעסט די ווייטקייט צום ברענעדיקן פייער־שפּייענדיקן באַרג, וועלכער ציט צו זיך אין דער נאַכט מיט אַזאַ צויבערליך־מאַגנעטישער קראַפט...

ענדליך נאָך שטונדן פאַר'עקשנ'טן קריכן אויף אַלע פיער, דורכקריכענדיק דורך שפּיציקע לאַוואַ־פעלזן און אָנהאַלטענדיק זיך אָן זיי כדי ניט אַריינצופאַלן אין גריבער, האָבן מיר ענדליך דער־גרייכט די הויך פון 5000 פוס, וואו דער באַוואוסטער, אייביק־ברע־נענדיקער קראַטער „קילאַ אויע וואַאיקאַ" געפינט זיך...

בעת מיין אויג האָט געכאַפּט אַ בליק אין די געדערים פון דעם פייערשפּייענדיקן באַרג, וואָס פאַרנעמט אַ שטח פון טויזענטער פוס, און דערזען דעם צעווילדעוועטן און ברויזענדיקן פייער, וואָס

האט געהאלטן אין איין צוברעכן די פארהארטעוועטע לאווא און ארויפשיסן מיט צארן יעדע ווייל̈ע אין אנ׳אנדער ריכטונג פין זיין ריזיקער גרויס, האבן זיך פון מיין ברוסט ארים געטאן קולות פון באגייסטערונג און שרעק. איך האב מיך בשום אופן ניט גע־קאנט באהערשן. כ׳האב געהאט א געפיל ארייןצוווארפען זיך אין אט דעם קאלאסאלן קראטער־מויל. אבער תיכף פאר מורא בין איך אנט־לאפן פון דעם פונקט. ס׳האט מיר גענומען א היבשע צייט ביז מיין הארץ האט זיך אביסעל בארוהיגט.. ווען מיינע באגייסטערטע אויס־געשרייען האבן זיך איינגעשטילט, האב איך אויסגעזוכט דעם נא־ענסטן פלאץ ביים ברעג פון ברענענדן קראטער, מיטן רוקן צום ווינט, כדי דער ווינט זאל דעם רויך מיר אין פנים ניט טרייבן, און גענומען באטראכטן דאס געטליכע און מורא׳דיקע גהינם־בילד, וואס האט זיך פאר מיר אנטפלעקט.

איז דען מעגליך פאר מיר איבערצוגעבן וואס כ׳האב דא, זיי־צענדיק ביים ברעג פון אזא ים־פייער, געזען און דורכגעפילט? איך דענק, אז דאנטע האט געמוזט שאפן זיין בוך בנוגע גהינם, פאר־ברענגענדיק נעבט נעבן אזא פייער־שפייענדיקן קראטער, אנדערש, גלויב איך, וואלט דאס געווען פאר אים אונמעגליך, זיין מייסטער־ווערק בנוגע גהינם צו שאפן.

איך האב צענדליקער מאל צוגעמאכט און געעפענט מיינע אויגן און אליין זיך ניט געקאנט גלויבן, אז איך זע דאס אלעס אין דער ווירקליכקייט, אדער ס׳איז ניט מער ווי א פאנטאסטישער חלום.

ווייט־ווייט אוועק האבן זיך געצויגן פאר מיילן און מיילן די שווארצע לאווא־פעלדער און איבערן הימעל האבען שווארצע וואל־קענס געוואנדערט, און זיי האבן אויסגעקוקט ווי זיי וואלטן וועלן קאנקורירן מיט דער שווארצקייט פון דער לאווא אויף דער ערד.

און דורך די שווארצע וואלקענס האבן ווי בריליאנטן דורכגע־לויכטן די מיליאנען שטערן. און דא אין דעם ים פון פייער האט זיך פאר אונז גענומען אבשפיגלן די וואונדערליכסטע בילדער.

אט האט זיך דער גאנצער מורא׳דיקער קראטער פלוצלונג אנ־געבמורעט און האט זיך אין א שווארצן מאנטעל איינגעהילט, ווי

ער וואָלט פאַר אונז אומישנע זיך וועלן פאַרשטעלן, כדי מיר זאָלן ניט קענען זען וואָס ס'טוט זיך אין זיין איינגעווייד.

נאָר לאַנג געדויערט דאָס ניט. דער פייער הינטער אים דער־לויבט דאָס אים ניט, און תיכף דערהערן זיך שטאַרקע קלעפּ, ווי פון אַ שרעקליכן אויפריים. מיר דערזען תיכף ווי די נאַר־וואָס פאַרהאַר־טעוועטע פאַרדעקטע לאַווא, וואָס די לופט האָט געשאַפן, נעמט זיך שפּאַלטן פאַר דער ברענענדיקער קראַפט פון דעם טיפן פייער און די ברענענדיקע לאַווא הויבט אָן מיט איר גאַנצער קראַפט זיך אויס־צושפּרייטן איבער דער נאַר־וואָס פאַרקילטער לאַווא און באַדעקן די גאַנצע אויבערפלאַך מיט ברענענדיקן פליסענדיקן פייער.

ווען דאָס פייער האָט געזיגט איבער דער פאַרקילטער לאַווא, באַרוהיגט עס זיך פאַר אַ ווײַלע, ווי ס'וואָלט זיך אָבגערוט נאָכן זיג... אָבער די לופט נוצט תיכף אויס די געלעגנהייט. און דאָס העלישע פייער הויבט ווידער אָן באַצויגן ווערן מיט אַ הויט פון שוואַרצער לאַווא. אין דעם טיפן אָבגרונד פון קראַטער הזיבט אָן פינסטער ווערן. ס'דוכט זיך, אַז ס'זעט זיך שוין באַלד גאָר ניט קיין פייער און די לאַווא וועט בלייבן דאָס מאָל דער זיגער. נאָר מיר מאַכן אַ טעות: ס'נעמט ניט לאַנג און ס'דערהערט זיך ווידער אַ מוראַדיקער שטויס ווי פון אַ האַרמאַטן־שאָס און עס שטראָמט תיכף אַרויס פייער. באַלד הויבט דאָס פייער אָן צו שטראָמען אַלץ מער און מער און די קרעבצן פון דער שפּאַלטענדיקער לאַווא צוטראָגן זיך ווייט־ווייט איבער די איינזאַמע ווייטע פעלדער אין דער פינס־טערער נאַכט אַריין.

און אויב דער דאָזיקער ספּעקטאַקל האָט שוין אָנגעזעטיקט דאָס אויג פאַר אַ ווײַלע, ווייזט אייך תיכף דער קראַטער, אַנדערע, נאָך שיינערע און וואונדערליכערע בילדער, און באַלד אַנטפּלעקט זיך פאַר אייך אַן אַנדער פּאַנאָראַמע.

דער ענדלאָזער, טיפער, פייערדיקער תהום ווערט פינסטער. ער נעמט הינטער זיך אַרונטער די פייערדיקע פייער־בילדער און ווערט פאַרשלונגען אין זיך אַליין.

אין זיין שרעקליכער טיפעניש הויבט אָן ווערן ליכטיקער, ווי

אין א כישוף־לאנד און עס באווייזן זיך צענדליקע פייערדיקע טור־רעמלאך פון פארשידענע וואונדערשיינע ארכיטעקטור, וואס שטייגן איבער איינער דעם צווייטן.

און ארום די טורעמלאך פליסן טייכן פייער. באצירט מיט לאַוואַ־אינזלען און מאנכע קוקן אויס, ווי פייערדיקע וואסערפאלן, וואס שטראמען פון פעלזן ארונטער.

אָבער לאנג האלט דאָס ניט אָן—פלוצלונג הויבט זיך אָן צו שפארן געדיכטע זיילן רויך. די גאנצע שיינע צויבער־פאנאראמע ווערט אין רויך איינגעהילט און מיר בלייבן ווידער אין דער פינס־טער. פאר א מאָמענט פארגעסט מען זיך וואו מען געפינט זיך און דער ערשטער געדאנק איז צו לויפן אויף שנעל און העלפן אויס־לעשן דעם רויך, וואס דראָעט צו פארניכטן די וואונדערבארע פאַ־לאצן און טורעמס, וואס איך האב נאר וואס געזען...

ס'דויערט ניט לאנג און דאָס אויג לאָזט איבער דעם רויך און קערט זיך אום צו דער ריכטונג, וואו דונערן הערן זיך און דערזעט ווי אין אַן'אנדער זייט פון קראטער באווייזט זיך א שטיק סקולפּ־טור, וואס די ברענענדע לאַוואַ האָט נאר וואס געשאפן אין דער פארקילטער שווארצער לאַווע, וואס האָט דעם אויסזען פון א גי־גאנטיש פייערדיקן פיש.

אָט אזוי האָבן זיך פאר מיינע אויגן געביטן וואונדערליך־שיינע פאנאראמעס, און איך בין געזעסן די גאנצע נאכט און צוגע־זען די געטליכע אונפארגעסליכע פארשטעלונג אויף איינעם פון די ווייטע שיינע אינזלען אויפן פאסיפישן ים ביים אפענעם מויל פון דעם אייביק־ברענענדיקן קראטער: „קילא אויע וואאיקע."

* * *

צום צווילינג קראַטער.

די זון האָט זיך מיט די וואָלקנס געשפּילט אין באַהעלטעניש, ווען איך מיט מיין חבר האָבן מיט די פּעק אויף די פּלייצעס געוואַנדערט איבער די לאַוואַ־פעלדער, וואָס געפינען זיך אַרום דעם פייער־שפּייענדן בארג.

אַט האָט זי זיך באַהאַלטן הינטער זיי. און די וואָלקנס, אָנגעטרונקען מיט ים־וואַסער, דערוואָרימט פון דער טראָפּישער היץ, האָבן אונז גלייך געגעבן אַ שפּריץ־באָד. מיר האָבן אויף שנעל פון אונזערע פּעק אַרויסגענומען די רעגנמאַנטלען און רעגן העט און געשפּאַנט ווייטער, כאָטש ס׳האָט געפּאַרעט דעם קערפּער צו טראָגן אין אַזאַ וואַרים וועטער אַ רעגן־מאַנטל. נאָר באַלד האָט זיך די זון באַוויזן, אַרויסגעשיקט אירע גאָלדענע שטראַלן, און אַ רעגן־בויגן האָט זיך ווי אַ רונדער טויער איבער די לאַוואַ־פעלדער אויסגעבויגן, און די זונען־שטראַלן האָבן זיך אין איר אָפּגעשפּיגלט.

מיר האָבן שוין געדיינקט, אַז ס׳וועט שוין מער ניט רעגענען, און מיר האָבן צוריק פון זיך די רעגנמאַנטלען אויסגעטאָן. נאָר ס׳האָט לאַנג ניט גענומען, און די זון האָט אין זיך די שטראַלן איינגעצויגן. דער רעגנבויגן איז פאַרשוואונדן, די זון האָט זיך ווידער הינטער די וואָלקנס באַהאַלטן און ס׳האָט ווייטער גענומען רעגענען.

אַט אַזוי האָט דער ספּעקטאַקל פאַר שטונדן לאַנג אָנגעהאַלטן, ביז מיר האָבן פאַרלאָרן דאָס געדולד אויסטאָן און אָנטאָן די רעגנמאַנטלען. האָבן מיר באַשלאָסן איגנאָרירן דעם רעגן אינגאַנצען, און גענומען פאָרטזעצן אונזער „הייק" איבער די לאַוואַ־פעלדער אין

באטראכטן די פארשיידענע פינורן, וואס די פארקילטע לאווא שטעלט מיט זיך פאר.

אט האבן מיר דערזען צוויי ריזיקע לאווא זיילן, וואס זעען אויס ווי רואינען פון אלטע גריכישע טעמפלען.

מיר שפאנען ווייטער, און מיר זיינען זייער פארזיכטיק, ווייל מיר געפינען זיך צווישן גריבער, און פון זיי זעצט ארויס א שטארקער רויך. מיר מיידן זיי אויס און גייען ווייטער. און באלד קומען מיר צו דעם „קאסקאד־קראטער" פון „קילאאויא", און באלד דערזע איך א גרויסען לאווא־בארג, וואס האט דעם אויסזען פון געפלאכטענע מענטשלאכע גלידער: הענט, פיס צוזאמענגעקנאטן. דאס בילד מאכט א מורא'דיקן איינדרוק. ס'דוכט זיך, ווי איר זעט א מחנה מענטשן, אומגעקומענע פון לאווא־פייער: און אפשר זיינען דאס טאקע מענטשן? ווער ווייס?....

נאך שעה'ן גייענדיק איבער די לאווא־פעלדער, האבן מיר דערגרייכט די צוויי לאווא־טונעלן פון דעם צווילינגס־קראטער.

א טיפער גרוב. דער אראפגאנג איז איבעראל באוואקסן מיט פלאנצונגען. מען דערגרייכט א טונעל, דעם טונעל האט די נאטור באפוצט מיט אראפהייגענדיקע לאנגע צווייגן און גרויסע בלעטער, און טראפנס וואסער האלטן אין איין אראפרינען פון זיי.

מיר גליטשן זיך ארונטער און דערגרייכן דעם אראפגאנג פון טונעל, צינדען אן אונזערע „פלעשלייטס" און הויבן אן ארייננצודרינגען טיפער אין טונעל. מיר באטראכטן דעם טונעל, וועלכן די ברענעדיקע לאווא האט דורכגעגראבן, כדי פריי צו מאכן איר וועג פאראויס.

דער טונעל איז זייער גרויס. איבעראל ליגט פארהארטעוועטע שפיציקע לאווא פון פארשיידענעם אויסזען. מען מוז זיין זייער פארזיכטיק צו שפאצירן דא. ס'האט ניט גענומען לאנג, ווי מיר האבן דערגרייכט דעם סוף פון טונעל און דערזען א טיפע גרוב. און פון דער אנדערער זייט גרוב האט זיך געצויגען דער צווייטער טונעל, וואס איז געווען פונקט אזוי גרויס, ווי דער ערשטער, און איז איבעראל געווען פול מיט לאווא־פעלזן און גריבער, און פון אויבן, פון סופיט, האט אראפגערונען טראפנס וואסער.

ס'איז שוין געווען נאָך האַלבן טאָג, ווען מיר האָבן דערגרייכט דעם „אולואולו־קראַטער“. מיר זיינען געוואָרן הונגעריק, האָבן מיר נאָך באַשלאָסן אַרויפצוקלעטערן אויף דעם „אולו־אולו־קראַטער“, וואָס זיין הויך האַלט בלויז עטלאַכע טויזנט פוס, און דאָרטן זיך אָפּרוען, אָפּעסן און באַטראַכטן דעם טויטן „קראַטער“.

ווען מיר האָבן דעם שפּיץ באַרג דערגרייכט, האָבן מיר די שווערע פּעק פון זיך אַראָפּגעוואָרפן, געמאַכט עסן, און מיט אַפּעטייש אָפּגעגעסן (קיין אַפּעטיט פעלט ניט, ווען מען הייקט), און נאָכהער האָבן מיר גענומען באַטראַכטן דעם אויסגעשלאָסענעם „קראַטער“.

ווי ס'ווייזט אויס, איז דער „אולו־אולו־קראַטער“ שוין פון לאַנג טויט. די טיפעניש פון זיין איינגעווייד, וואו ס'האָט אַמאָל געברענט און געשטראָמט מיט לאַווא פייער און וואָס האָט פאַר צענדליקער מיילן ווייט לאַווא־פעלדער באַשאַפן, איז איצט דורכאויס מיט פלאַנצונגען באַוואַקסן און מאַנכע ביימער האָבן שוין באַוויזן גאַנץ הויך אויסצוואַקסן.

שטייען מיר דאָ אויפן שפּיץ פון דעם „קראַטער“, און באַאָבאַכטען די נאַקעטע לאַווא־פעלדער, וואו ס'זעט זיך ניט קיין לעבעדיקע באַשעפעניש, נאָר דורכאויס באַדעקט מיט לאַווא־פעלזן, און פון דערווייטן זעען מיר דעם פייערדיקן קראַטער „קילע־אויע וואַאיקע“, וואָס זעצט פון זיך אַרויס אַ שטאַרקן פייער און רויך, און זיין שכן, דער באַוואוסטער באַרג מאַונאַ־לאָאַ, וואָס פון זיין שפּיץ שעמערירט ווי דימענטן דער אייביק־קלאָרער שניי, וואָס באַדעקט שטענדיק זיין אַלטע קאָפּ. די דאָזיקע וואונדערלאַכע פּאַנאָראַמע שאַפט דאָ איינע פון די אייסערגעוויינלאַכע איינדרוקן, וואָס מען קען אין לעבן זען און קיינמאָל דאָס ניט פאַרגעסן.

* * *

טראפּישע דזשאנגלס

שטונדן פארשווינדן. מיר „הייקן" איצט דורך די באוואוסטע „טראָפּישע דזשאָנגלס". מיר זיינען איצט אַרומגערינגלט מיט קליי־נינקע בוימער, וואָס זיינען שטארק צוזאמענגעפּלאָנטערט. דער וועג ווערט שווער. נאָר פארן אויג ווערט דאָס בילד נאָך איצט שענער. מען דערזעט איצט פאר זיך לעבן. די טויטע נאטור איז איצט הינ־טער אונז גאנץ ווייט אוועק. אמת, דער הארטער לאווא־באָדן, אויף וועלכן מיר „הייקן" איצט דורך די „דזשאָנגלס", לאָזט אונז וויסן, אַז גאַר־ניט לאנג איז דאָ אויך געווען טויט. איצט אָבער מערקט מען שוין דאָ שפּורן פון לעבן, און ס'מאכט פארן אויג אַ לעבע־דיקן איינדרוק. שפּאצירנדיק אזוי, קומט מיר ניט־ווילנדיק אויף די געדאנקן, אַז אָט וועט באלד פון די „דזשאָנגלס" ארויסלויפן אַ טי־גער, אַ שלאַנג אָדער אַן אנדער ווילדע חיה, וואָס געפינען זיך גע־וויינטלאך אין „טראָפּישע דזשאנגלס". נאָר איך דערמאָן זיך גלייך, אַז איך געפין זיך איצט ניט אין די „דזשאָנגלס" פון אפריקאַ אָדער אינדיע, נאָר דאָ, אויף די האוואי־אינזלען, וואו ס'געפינען זיך ניט קיין ווילדע חיות, קיין שלאנגען, נאָר דער ווילדער, שוואר־צער חזיר, וואָס איז ניט שעדלאך. דאָס בארואיקט מיך.

מיר שפּאנען אַלץ ווייטער און ווייטער דורך די „דזשאָנגלס". מיר זיינען בלויז פּאַרזיכטיק ניט אריינצופאלן אין מאנכע קליינע אויסגעלאָשענע „קראטערס", וואָס געפינען זיך דאָ לרוב. מיר בא־טראכטן די שיינע פלאַנצונגען, מיר ברעכן אָפּט אָפּ שטיקער צו־קער־שטעקנס און עסן זיי. זיי האָבן די זיסקייט פון צוקערקעס.

דער טאָג האָט שוין געהאלטן באלד ביים פארשווינדן, און מיר

האָבן גענומען זוכן אַ פּלאַץ, וואו מיר זאָלן קענען אונזער „פּאַפּ־טענט" אויפשטעלן, כדי צו מאַכן נאַכט־לעגער. די פאַרהאַרטעוועטע לאַוואַ אָבער דערלאָזט ניט אין זיך אַריינצוקלאַפּן קיין דרענגלאַך; מיר זעען באַלד איין אַז מיר וועלן ניט אויספירן, באַשליסן מיר צו מאַכן אונזער נאַכטלעגער אויף דער לאַוואַ־ערד. מיר נעמען זיך גלייך צו דער אַרבייט און פּרובירן זוכן אַ פּלאַץ צום נעכטיקן אונטער הויכע בוימער, כדי צו זיין אַביסל באַשיצט אין פאַל פון רעגן. נאָר אונזער זוכן איז געווען אומזיסט: אַזעלכע בוימער זיינען דאָ נישטאָ. האָבן מיר באַשלאָסן איינצואָרדנען זיך וואו עס וועט זיך לאָזן. און מיר זיינען טאַקע באַלד פאַרטיק געוואָרן מיט אונזער פאַרבאַרייטן זיך פאַר נאַכטלעגער. מיר האָבן אויסגעהאַקט קליינע קוסטעס, אונטערגעבעט בלעטער און דינע צווייגלאַך, אונטערגעשפּרייט דעם רעגנמאַנטל, כדי די פייכקייט זאָל ניט אַדורך, און די וואָלענע בלענקעטס אויפן רעגנמאַנטל. צוצודעקן זיך איז ניט נויטיק, כאָטש עס איז געווען אין פעברואר, ווייל דער עקוואַטאָר, וואָס געפינט זיך ניט ווייט פון דאַנען, באַוואָרענט שוין אַז אפילו אין פעברואר זאָל זיין וואַרים גענוג צו גיין געקליידעט ווי אדם איז געגאַנגען. נאָר פּלוצלינג האָט זיך דער הימל גענומען אָנכמורן און ס'האָט אָנגעפאַנגען צו רעגענען.

מיר האָבן אויף שנעל די זאַכן אין טאָרבע אַריינגעלייגט, אָנגעטאָן אויף גיך די רעגנמאַנטלען, רעגן־העט און גענומען וואַרטן, אַז דער רעגן זאָל אויפהערן. אַזוי ווי ס'איז שוין געווען צייט פאַר עסן וועטשערע, האָבן מיר דערווייליע אָפּגעגעסן. ווען מיר האָבן דערזען, אַז ס'איז שוין פאַראיבער אַ שעה און דער רעגן האָט גאָר ניט אין זינען אויפצוהערן, האָבן מיר באַשלאָסן פאַרזעצן אונזער וועג אין רעגן.

דער הימל איז געוואָרן אינגאַנצן באַדעקט אין שוואַרצן, און אַ מבול האָט געהאַלטן אין איין גיסן. מיט די רעגנמאַנטלען פאַרקנעפּלט, מיט די העט איבערן קאָפּ און פּנים, אַז די אויגן זאָלן בלויז קענען זען, מיטן שווערן פּאַק אויף די פּלייצעס און מיט די באַנעגלטע הייק־שטיוול אויף די פיס שפּאַנען מיר איצט אונטערן מבול־רעגן דורך די דזשאַנגלס. מיר האַלטן צוויי „פלעש־לייטס" אויף פריער, כדי צו היטן אונזער טראַט און זען וואו מיר גייען.

מיר זיינען זייער פאַרזיכטיק אום ניט ערגיץ אין אַ „קראַטער" ניט אַריינצופאַלן. שטונדן פאַרגייען, דער רעגן וויל גאָר ניט אויפהערן. דער רעגנמאַנטעל איז שוין דורכגעווייקט פון רעגן און שווייס און גיט פון זיך אַרויס אַ פאַרע, ווי אַ רויך. דער פּאַק טרינקט זיך אָן מיט רעגן-וואַסער און רייסט זיך פון פּלייצע אַראָפּ. איך מוז מיך אָנשטריינגען אים איינצוהאַלטן.

די באַנעגלטע פאַרמאַכטע שטיוול זיינען מאַכטלאָז קעגן מבול-וואַסער. זיי זיינען אינגאַנצן צעווייקט און אָנגעפילט געוואָרן מיט וואַסער. אויפהויבן אַ פוס איז געוועזן גאַנץ שווער. זיי האָבן זיך פשוט ניט געלאָזט פון דער ערד אויפהויבן. און דאָ זעט מען ניט קיין האָפנונג עפּעס צו דערגרייכן אַ פּלאַץ אַזאַ, וואו מ'זאָל קענען קעגן רעגן זיך באַשיצן. מיר באַשליסן אָפּצוזוכן אַן אויסגעלאָשענעם „קראַטער", אַריינקריכן אַהין און זיך פון רעגן באַשיצן. אָבער אין אַ פינצטערער נאַכט איז גאָר ניט אַזוי לייכט דאָס צו געפינען. מ'זעט גאָרניט אַ פּאָר טריט פון זיך און מיר „הייקן" ווייטער.

פלוצלינג הערן מיר עפּעס מרוקען... מיר בלייבן שטייען פאַר אַ ווייל ווי צוטומלטע: וואָס קען דאָס זיין? קיין מענטשן, זיינען מיר זיכער, זיינען דאָ ניטאָ. חיות, דוכט זיך, אויך ניט. טאָ ווער מרוקעט דאָס? מיר הויבן אָן וואַרפן די „פלעש-לייטס" אין אַלע ריכטונגען. מיט אַמאָל באַגעגענען מיר זיך מיט אַ סך שוואַרצע אויגן... מיר דערזען פאַר זיך אַ גרופּע ווילדע שוואַרצע חזירים. זיי נורן זיך איינער צום צווייטן און קוקן אונז אָן...

מיר האָבן באַגריסט אונזערע „מיטהייקערס" און ווייטער פאָרטגעזעצט אונזער „הייק" אונטערן גוס-רעגן, וועלכער האָט גאָר ניט געוואָלט אויפהערן. ס'האָט זיך געדוכט, אַז ס'וועט קיין מאָל קיין סוף ניט נעמען דערצו. ענדלאַך, נאָך אַ נאַכט וואַנדערן אונטער אַזאַ מבול-רעגן, האָבן מיר פאַרטאָג דערגרייכט אַ הייזקע און דאָרט געטראָפן נאָך אַ מאַן.

מיר האָבן גלייך די שווערע אויסגעווייקטע פּעק פון זיך אַראָפּגעוואָרפן, אָנגעלייגט אַ גרויסן פייער און גענומען טרוקענען אונזערע אויסגעווייקטע קליידער.

מיר זיינען אין דער הייזקע אָפּגעווען דעם גאַנצן טאָג, און דער רעגן האָט נאָך אַלץ אָנגעהאַלטן פּונקט ווי ער האָט זיך ערשט אָנגעהויבן. מיר זיינען געזעסען אַרום ברענענדן פייער און געהאַלטן אים אין איין פאַרגרעסערן און געטריקענט אונזערע זאַכן, וואָס האָבן זיך בשום אופן ניט געוואָלט שיידן מיטן רעגנוואַסער.

דער טאָג איז פאַראיבער און די נאַכט האָט נאָך דעם רעגן פאַרשטאַרקט. מיר האָבן איצט זיך געפילט גוט, וואָס מיר זיינען באַטש געשיצט פון רעגן. אמת טאַקע, ס'האָט אונז באַאומרואיקט, וואָס די שפּייז האָט זיך שוין באַלד אויסגעלאָזן. ווי לאַנג נאָך קען אַזוי דער רעגן אָנהאַלטן און אונז האַלטן ווי געפאַנגען האָבען מיר אויך ניט געוואוסט. האָבן מיר זיך געווענדעט צו דעם מאַן, וואָס מיר האָבן דאָ געטראָפן: אפשר ווייסט ער עפּעס וועגן דעם? ביי דער פראַגע: ווען דיינקט ער קען דער רעגן אויפהערן?—האָט זיך אַ שווערער זיפץ פון זיין שטאַרקער, ברייטער ברוסט אַרויסגעריסן און זיין גאַנצער פעסטגעבויטער קערפּער האָט זיך אַ טרייסעל געטאָן, פּונקט ווי אַן עלעקטרישער שטראָם וואָלט זיין קערפּער באַרירט און פון זיינע פאַרטרויערטע אויגן האָט גענומען פליסן טרערן.

מיר האָבן זיך דערשראָקן. מיר האָבן אַ טראַכט געטאָן: אפשר דראָעט דער רעגן מיט דער גרעסטער געפאַר? און מיר האָבן אים גענומען בעטן, אַז ער זאָל אונז דערקלערן פאַרוואָס ער שרעקט זיך אַזוי פאַרן רעגן. ווען ער האָט זיך אַביסל באַרואיקט, האָט ער אונז גענומען דערציילן:

— דער רעגן, מיינע פריינט, האָט מיך ניט געמאַכט איצט צו וויינען... כ'בין שוין גענוג יאָרן אויף די פּאַסיפישע אינזלען. כ'וויים אַז ווען ס'פאַנגט אָן שטאַרק רעגנען, געדויערט דאָס אייניקע טעג און נעכט. נאָר אָט דער מבול האָט מיך ערינערט אָן אַ שרעקלאַכן אומגליק, וואָס מיך האָט ניט לאַנג געטראָפן.

ער האָט זיך נענטער צוגערוקט צום ברענענדיקן פלאַקערנדיקן פייער, דעם קאָפּ טיף צו דער ערד אַרונטערגעלאָזט און גענומען דערציילן:

— אָט פּונקט ווי איר, קאַמעראַדן, האָב איך פון מיין קינדהייט אָן ליב געהאַט דאָס וואַנדער־לעבן, צו זען און באַאָבאַכטן גאָטס

שיינע וועלט, מיט אלע אירע וואונדערס און כ׳האב כמעט די גאנצע וועלט באריייזט. ביז איך האב מיך דא אפגעשטעלט אויף די האַ־וואַי־אינזלען און האב געהייראט מיט א פרוי פון די ׳היגע איינ־וואוינער און געלעבט גאנץ גליקלאך מיט איר. זי, מיין פרוי, דאס נאטור־קינד, איז מיר געווען געטריי און איבערגעבן ווי די געטרייס־טע מוטער צו איר איין און איינציק קינד. און מיר האבן זיך גע־פילט גליקלאך. מיר האבן א שטרויענע הייזקע ביים ברעג פון ים אוועקגעשטעלט. גאנצע טעג געבאדן זיך אין ים און אין די זונען־שטראלן. די זארג פון מאכן א לעבן איז ניט געווען. דער ים האט אונז געגעבן גענוג פיש און גראזן, און די מוטער־ערד האט אונז פארזארגט מיט פרוכט און וואסער. מיר האבן זיך געפילט זייער גליקלאך... ביז איינמאל איז מיר אריין א געדאנק צו זען עמיצן פון מיין פאמיליע, וואס איך האב פון זיי ניט געהערט און ניט גע־זען שוין מער ווי 25 יאר. און אין מאנאט מאי בין איך מיט מיין פרוי געקומען צו פארן אין דער שטאט פאעבלא, קאלאראדא־סטייט, וואו איך בין געבוירן געווארן כדי דארט אויפצוזוכן מיין פאמיליע. געקומען אהין בין איך ביי נאכט. האב איך גענומען א צימער אין א האטעל איבערצונעכטיקן און אין דער פרי האב איך גערעכנט אויפ־צוזוכן מיין פאמיליע. די גאנצע נאכט האט געהאלטן אין איין רעג־גענען, אט פונקט ווי איר זעט איצט דא. ס׳האט געגאסן עמער־ווייז... פלוצלונג אין מיטן דער נאכט דערהערן מיר קולות, מען זאל זיך ראטעווען: ס׳איז א פארפלייצונג. מיר זיינען גלייך ארויסגע־לאפן אין גאס און דערזען איינע פון די שרעקלאכסטע בילדער. די גאנצע גאס מיט די הייזער איז געשטאנען טיף אין וואסער ווי אין א טייך. און קולות האבן זיך געטראגן פון אלע הייזער נאך הילף...

איך האב זיך מיט מיין פרוי ארויפגעכאפט אויף א לויפנדיקן אויטאמאביל, און די מאשין האט זיך געיאגט צו אנטלויפן פון דער פארפלייצטער שטאט. ס׳איז געווען פינסטער. די עלעקטרישע באלויכטונג איז קאליע געווארן פון דער פארפלייצונג. פלוצלינג האט די מאשין זיך אנגעשטויסן אן א בוים און האט זיך איבער־געקערט. אונטער דער מאשין האט מיין פרוי איר טויט געפונען...

בייםווארט „טויט“ האט ער זיך אויף דאס ניי שרעקלאך צע־כליפעט...

ס. באַרנשטיין

נאָך אייניקע טעג טריקענען אונזערע קליידער ביים ברענענדי־קן פייער, האָט דער רעגן אויפגעהערט און מיר האָבן ווייטער אָנ־געפאַנגען צו „הייקן“...

די זון אַן אויסגעוואַשענע, שיקט אירע גאָלדענע שטראַלן אויף די קליינע „דזשאָנגלס“ און קוסטעס אַראָפּ, און אין די טראָפּנס רעגן, וואָס הייננגען נאָך אויף זיי, שפּיגלען זיך די שטראַלן אין ליכטן און שעמרירן, ווי די פייערן פון טייערע קאָסטבאַרע שטיי־נער.

אויסגערוט פון די צוויי טעג געפאַנגענשאַפט, וואָס דער רעגן האָט אונז געהאַלטן, פילן מיר זיך אין אַ פרייליכער שטימונג, און מיט געזאַנג שפּאַנען מיר ווייטער דורך די „דזשאָנגלס“ און זוכן אַנדערע נאַטור־וואונדער צום באַאָבאַכטן. און באַלד דערזעען מיר זיי טאַקע אויך.

ס׳זעט זיך אַ שטרעקע ערד און ס׳דוכט זיך אונז, אַז עפּעס אַ מאָדנער צאַם איז אַרום. נאָר באַלד זעען מיר איין אונזער טעות. דאָס האָבן זיך הויכע בוימער אַרום דער ערד אויסגעשטעלט, און זייערע געדיכטע צווייגן האָבן זיי אין דער ערד אַריינגעשפּאַרט און שפּאַרענדיק זיך, זיינען זיי איינע איבער די אַנדערע געקראָכן, פאַר־פלאָנטערט זיך, און ענדלאַך האָבן זיי זיך אין דער ערד אַריינגע־גראָבן... און ס׳קוקט אויס ווי אַ פּרימיטיווער צאַם פון צווייגן.

ווען דאָס דאָזיקע בילד פאַרשווינדט דערזעט מען באַלד לאַוואַ־פעלדער און ריזיקע פעלזן וואָס ציִען זיך ביים ברעג פון ים. און די לאַוואַ־פעלזן, וואָס האַלטן זיך אויפן ווייכן שוואַרצן זאַמדיקן ברעג פון ים, האָבן די אייביקע קינסטלער די שטורמדיקע כוואַליעס, אויסגעפורמט און געמאַכט פון זיי וואונדער־שיינע סקולפּטורן. ווי אַ גרויסער קינסטלער, וועלכער ווערט ניט מיד צו האַלטן אין איין שלייפן זיינע סטאַטועז, אַזוי ווערן די כוואַליעס קיינמאָל ניט מיד צו שלייפן, פורעמען און ענדערן די ריזיקע פעלזן, און פאַרן אויג זעט זיך אַ לאַנגע שורה מיט פאַרשידענע פיגורן פון אַ באַזונדער אויסזען.

מיר שפּאַצירן דאָ ביים ברעג פון ים, אין טיפן שוואַרצן זאַמד,

וואס די ווינטן האבן אהער פון די לאווא־בערג און פעלדער אנגע־טראגן און באטראכטן יעדן פעלז וואס קוקט אויס ווי א סטאטוע. עס מאכט דעם איינדרוק, ווי עמיצער וואלט זיי דא אוועקגעשטעלט אויף אן אויסשטעלונג.

נאך אייניקע שטונדן שפאצירן ביים ברעג ים זיינען מיר צוגע־קומען צום קאנעאפונא וואילוק־געגנט, וואו עס וואוינען די פרימי־טיווע האוואי־פעלקער און וואו עס געפינט זיך זייער טעמפל און הייזקעס, וואס זיינען געבויט אויף אן אויסגעלאשענעם קראטער.

און ווי ס'האט זיך ארויסגעוויזן, איז ביי זיי היינט געווען א רעליגיעזער יום־טוב. הונדערטער פאמיליעס: מענער, פרויען און קינדער האבן ארומגערינגלט זייער הייליקן טעמפל, וואס איז געשטא־נען אנגעלייגט אויף פיר שטארקע לאווא־שטיינער. זייער קאמוניס־טישער מאלצייט, וואס איז באשטאנען פון פיל מאכלים, איז געווען צוגעגרייט אין עטלאכע לאנגע שטרויענע הייזער. דעם בכבוד'יקסטן פלאץ האט פארנומען זייער נאציאנאלער מאכל „פאוי", וואס ווערט געמאכט פון אזא נוס, וועלכער ווערט צוקנאטן און נאכהער געבאקן אויף אנגעברענטע שטיינער אין דער ערד.

ווען עס איז פארטיק, האט עס דעם אויסזען פון א טייגעכץ און עס ווערטגעגעסן מיט צוויי פינגער.

אויך זיינען דארט געווען פיל גראזן, וואס ווערן אנגעריסן ביים ברעג ים; זייער גוטע פיש און געשמאקע געטראנקן וואס, ווערן גע־מאכט פון ווארצלען פון בוימער.

אויך פיל קאקאנאט־ניס האבן זיך דארט געפונען. די אלע אויסגערעכנטע גוטע זאכן זיינען דארט געווען גענוג צום עסן...

זיי האבן אונז „הייקערס" מיט זייערע גוטמוטיקע שיינע שווארצע אויגן באטראכט, און גאנץ גאסטפריינדלאך איינגעלאדן מיט זיי מיטהאלטן די סעודה.

אזוי ווי ס'איז שוין געווען שפעט נאך האלבן טאג און הונ־געריק זיינען מיר געווען און ביי ווארינען זייערן א נאציאנאלן יום־טוב האבן מיר אויך געוואלט,—האבן מיר מיט פארגעניגען אנגע־

גומען זייער איינלאַדונג מיט זיי דאָ צופאַרברייננגען און בלייבן אויף נאַכטלעגער!

ווען די זון האָט גענומען פאַרשווינדן ווייט־ווייט איבערן פאַ־ציפישן ים און האָט צום לעצטן מאָל דעם הימל און אַ שטיק ים אין פלאַמען אָנגעצונדן, איז שוין פון די אַלע אויסגערעכנטע מאכ־לים קיין זכר ניט געבליבן...

און די האוואישע בחורים און מיידלאַך האָבן גענומען טאַנצן איידער די זון פאַרגייט. אויסגעפּוצט זיינען די מיידלאַך געווען אין זייערע נאַציאָנאַלע קליידער, וואָס זיינען באַשטאַנען פון שטרויענע אונטערקליידער אויף וועלכע דער שטרוי האָט זיך פריי געוויגט און געוויזן דעם נאַקעטן בראָנזענעם גוף. מיט קעפּ באַדעקט מיט בלומען קרענץ און האַלטנדיק אין די הענט זייערע באַוואוסטע מוזיקאַלישע אינסטרומענטן „יוקאַליילים"—האָבן זיך צענדליקע מיידלאַך ביים ברעג ים אויסגעשטעלט געלאָזן די כוואַליעס זייערע פיס וואַשן און אָנגעהויבן שפּילן די וואונדערשיינע האוואַאישע מוזיק... און זייערע שוואַרצע, גוטמוטיקע, שיינע אויגן האָבן ווייט אין ים געקוקט, וואו די העלדישע בחורים פון האוואי, געקליידעט אין אדם׳ס קאָסטיו־מען, האָבן זיך אַריינגעזעצט אין לאַנגע, שמאָלע „קענוס" און זיך אוועקגעלאָזן אויף אַ געיעג איבערן שטורמדיקן ים, כדי אַרויסצווייזן זייער העלדדישן שפּיל מיט די ברויזענדע כוואַליעס.

עס איז שוין געווען שפּעט אין דער נאַכט, ווען די לבנה האָט זיך געיאָגט דורך די געדיכטע וואָלקנס, וואָס זעען אויס שוואַרץ ווי די קאַוואַ־פעלדער. און די שטערן אין הימל האָבן געלויכטן און גע־שפּיגלט זיך אין טונקעלן ים. וואו ניט וואו גיט זיך איין דער לבנה פאַר אַ ווײַלע אַ שטיק שוואַרצן וואָלקן פון זיך צו פאַרטרייבן און באַפּן אַ קוק צום ים אַרונטער,—ווערט גלייך אַ שטיק ים און אַ שטיק קלאָרע זילבער אויסגעגאָסן. עס ווערט באַלויכטן ווייט אַרום און מען דערזעט גלייך וואו ניט וואו ביים ברעג ים הויכע, דאַרע „קאָקאָנאַט"־בוימער, וואָס קוקן אויס אין דער נאַכט ווי באַוואָפנטע שומרים אויף זייערע פּאָסטנס. דאָס באַוואַכן די וואונדערשיינע צויבערלאַכע האוואַי־נעכט...

און פון אומעטום טראָגט זיך די שיינע מוזיק פון „יוקאַליי־

ליס“, וועמעס קלאנגען רייסן דאָס האַרץ אין שטיקער און רופן אַרויס אַזויפיל ביינקשאפט און טרערן...

אין דער פרי האָבן מיר זיך אויסגעבאָדן, אויסגעוואַשן אונזע־רע קליידער, געלאָזט זיי אויסטריקענען אויף דער בריענדיקער זון, געמאַכט אַ פייער און אויפגעקאָכט קאָפע. מיר האָבן אויפגע־שפּאָלטן עטלאַכע קאָקאָנים, וואָס מיר האבן נאָר־וואָס פון אַ בוים אָפּגעריסן, אויפגעגעסן א פּאָר באַנאַנאָס און זיך געלאָזט ווייטער אין וועג אַריין...

* * *

„אנאמעהא" — דאס צעלעבערטע הארץ

מיר האבן שוין דורכגעהייקט פרונא־געגנט, וואו די „נייטיוום" וואוינען, באטראכט זייערע הייזקעס, וואס זיינען געמאכט פון שטרוי און געדויערן ביי זיי בלויז צוויי שטונדן אויפצושטעלן. מיר האבן באטראכט זייערע קברים, וואס זיינען אויסגעהאקט פון די לאווא־פעלזן. געוויינטלאך פארמאגט יעדע פאמיליע איר אייגענעם בית־עולם אין פראנט פון זייער הויז.

מיר זיינען ווידער אריינגעקראכן צווישן „דזשאנגלס". מיר גייען טריט ביי טריט. צייט איז דא גענוג. א הייקער האט זיך ניט וואס צו איילן, אויב ער וויל ווירקלאך זען נאטור־וואונדער. און דאס זוכן מיר איצט צווישן די „דזשאנגלס". פלוצלינג דערזען מיר פאר זיך א ריזיקן קעמל. מיר וואונדערן זיך, ווי קומט אהער א קעמל? זוען מיר קומען אבער צו נענטער, דערזען מיר א לאווא־וואונדער, וואס האט דעם אויסזען פון א קעמל. דארט, וואו א ברענענדער לא־ווא־שטראם האט די ערד פארטרונקן, האט זיך אים פארגלוסט אויס־צוגיסן א מאנומענט אין פארם פון א פארזעעניש אזא, וואס איז ענ־ליך צו אן אמת'ן קעמל, מיט א לאנגן פאריסענעם האלז און מיט א הויקערדיקן רוקן. מיר נעמען אראפ א פאר בילדער און גייען ווײ־טער.

עס האט ניט גענומען לאנג, און מיר דערזען גלייך אן אנדער נאטור־וואונדער. מיר דערזען אן אנדער „לאווא־פריק" (פערזעע־ניש), מיטן אויסזען פון א מאדנע דיקן בוים.

בשעת א לאווא־שטראם האט דא אמאל געפלאסן, האט ער א העלפט פון דעם בוים פארניכטעט, און דעם אונטערשטן טייל האט ער דורכגעלעכערט א דורכגאנג, ווי א טויער. אויפן האלבן פארניכ־טעטן טייל וואקסן איצט אויף דאס ניי צווייגן ארום.

מיר האָבן שטונדן געהייקט דורך דעם געגנט. און אַלע ווילע האָט דאָס אויג דערזען אַנדערע „לאַווע־פּריקס“. און גאַנצע סטאַדעס פון ווילדע, שוואַרצע חזרים, מיט זייער קליינוואַרג, האָבן פריי און שטיפעריש געוואַנדערט איבער די לאַווע־פעלדער.

„אַנאַמעהאַ האַרץ“ — איז דער נאָמען פון אַ דורכגעלעכערטן באַרג, וואָס שטעקט אַרויס פון ים. מיר האָבן געמוזט זיך דורכשפּאַרן דורך די געדיכטע צוקער־שטעקנס וואָס וואַקסן דאָ אויף אַ בערגעל נעבן ים, קעגנאיבער דער „אַנאַמעהאַ האַרץ“, אָדער בעסער געזאָגט מיר האָבן אויסגעהאַקט און איינגעבראָכן די צוקער־שטעקנס וואָס זיינען אונז אין וועג געשטאַנען כדי צו קענען גוט באַאָבאַכטן דאָס „אַנאַמעהא האַרץ“.

מיט יאָרן און יאָרן צוריק מיילן און מיילן ווייט אַוועק פון דעם „אַנאַמעהאַ האַרץ“ האָט זיך אַ פאַרשלאָפענער „קראַטער“ פּלוצלינג אויפגעכאַפּט און האָט גענומען מורא'דיק ברומען און דונערן. פון זיין מויל האָט זיך אַרויסגעריסן אַ קנויל רויך, אַ ברויזענדע לאַווע האָט זיך באַוויזן און האָט גענומען קלעטערן אויף דער פריי אַרויס. כ'האָט לאַנג ניט גענומען ווי זי האָט איר פרייהייט דערגרייכט. האָט זי גלייך אָנגעהויבן לויפן און פאַרניכטן וואָס ס'איז נאָר אין וועג געקומען: פעלדער, וועלדער, הייזער, מענטשן און חיות האָט זי לייכט באַזיגט און האָט זיי מיט איר רויטן פלּיסנדיקן פייער פאַרטרונקן, ביז זי האָט דערגרייכט דעם באַרג „אַנאַמעהאַ“. דאָ האָט זי באַגעגנט אַ שטאַרקן ווידערשטאַנד. „אַנאַמעהאַ“ האָט ניט געלאָזן איר ווייטער גיין, און זיך ניט געלאָזן אין ים אַריינוואַרפן.

די פליסנדע לאַווע האָט דערפילט, אַז זי האָט זיך אָנגעשטויסן אָן אַ האַרטן קעגנער, האָט זי גענומען זיין שטאַרקע האַרץ דורכלעכערן און דאָס האָט זיך איר טאַקע איינגעגעבן. זי האָט „אַנאַמעהאָס“־האַרץ דורכגעלעכערט דורך און דורך,—אָבער זי האָט באַלד געקראָגן איר פאַרדינטע שטראָף. דורכ'ן דורכגעלעכערטן האַרץ איז די פליסנדיקע־פייערדיקע לאַווע אין טיפן ים אַריינגעפאַלן און גענומען זיך טרינקן... זי האט גענומען פייערדיק קעמפן — און גלייך פאַרניכטעט אַלע לעבעדיקע באַשעפענישן, וואָס געפינען זיך אין ים.

זי האָט געהאַלטן אין איין אַרונטערדרינגען טיפער און טיפער



אין ים אַרונטער מיט איר ברענענדיקן שטראָם און דאָרט אויך אָפּגעטויטעט אַלץ וואָס עס לעבט, אפילו די פיש מיט די בראָנזענע גופן מיט וועלכע די נאַטור האָט זיי פאַרזאָרגט כדי זיי זאָלן קענען אויסהאַלטן דעם שווערן דרוק פון ים און זיין טיפן טיפעניש, האָט די לאַווע זיי אויך דערגרייכט און פאַרניכטעט.

ווען זי איז מיד געוואָרן קעמפן, איז זי באַזיגט געוואָרן פון מעכטיקן ים.

און ווען דער ים האָט דעם פייערדיקן שונא באַזיגט, האָט ער גלייך פון זיך די הרוגים אויפן ברעג אַרויסגעוואָרפן, און דער מענטש האָט צום ערשטן מאָל דערזען גאָטס וואונדער: די פיש וואָס געפינען זיך אין די טיפענישן פון ים, וואָס זייערע קערפּערס זיינען מיט אַ בראָנזענעם פּאַנצער באַדעקט.

און דאָס „אַנאַמעהאָ־האַרץ" שטעקט ביז איצט פון ים אַרויס, ווייל פליסנדע לאַווע האָט דעם ים פון זיין פריערדיקן ברעג אַרויסגעשטופּט און דער ים האָט זיך צושפּרייט אַרום דעם „אַנאַמעהאָ־באַרג", און שטיפערישע כוואַליעס האַלטן אין איין גליטשן זיך איבער ליידיקן האַרץ יעדן טאָג יאָר־איין, יאָר־אויס.

ס'איז שוין באַלד אַ האַלבער טאָג אַוועק, ווי די זון שפּילט זיך מיט אונז ביים ברעג פון ים: אָט באַגלייט זי אונז אַ שעה צייט און באַלד ווערט זי אַזוי ווי אין כעס, כמורעט זיך אָן, באַדעקט איר ליכטיקן פּנים מיט אַ גרויסן נעפּל און וויינט זיך פאַנאַנדער... עס ווערט אונז אויך אומעטיק אויפן האַרצן, דאָס זעלבע באַמערקן מיר געשעט מיט דעם שטילן ים. ווי אַ חיה הויבט דער ים אָן ווערן צאָרנדיק און מיט אַ שטאַרקן ברומען וואַרפט ער זיך פון צאַם אַרויס און פאַרטרינקט ווייט־אַוועק דעם שוואַרצן ברעג...

נאָר עס דויערט ניט לאַנג און די זון ענדערט זיך. איר פּנים, אויסגעוואַשן פון אירע אייגענע טרערן, באַווייזט זיך נאָך מיט מער פּראַכט, ווי פריער. און גלייך נעמען זיך צוזאַמען עטלאַכע רעגנבויגנס מיט זייערע שיינע קאָלירן, צעוואַרפן זיך איבערן ים ווייט איינער פון צווייטן, בויגן זיך אויס און רופן און לאַדן איין דער זון דורך זיי דורכשפּאַצירן...

אַט אַזעלכע ספּעקטאַקלען קען מען דאָ זען זייער אָפט.

ווען די זון שיקט אירע גאָלדענע שטראַלן אַראָפּ און באַלויכט אַלעס אַרום, הויבן מיר אָן צו שפּאַצירן איבערן ברעג ים און באַ־אָבאַכטן דעם שיינעם געגנט אַרום. נאָר לאַנג קענען מיר ניט גיין איבערן שווארצן זאַמד פון ברעג. לאַווא־בערג און אויף זיי שיינע פלאַנצונגען פאַרשטעלן אונז דעם וועג.

אָבער דאָס האַלט אונז ניט אָפּ. מיר מאַכן צורעכט די „האַי־קינג"־זעק, טוען זיי אָן אויף דער פּלייצע, גרייטן זיך אָן מיט וואַסער און נעמען קלעטערן אויף די לאַווא־בערג. אין אָנפאַנג איז אַביסל שווער און געפערלאַך, אין מאַנכע פּלעצער קענען די לאַווא־פעלזן ניט אויסהאַלטן דעם דרוק פון אונזערע באַנעגלטע שטיוול און די וואָג פון אונזערע שווערע קערפּערס, און מיר מוזן זיין פאַרזיכטיק ניט מיטצופאַלן מיטן לאַווא־פעלז. וואָס רייסט זיך אָפּט אָפּ. נאָר ווער רעכנט זיך מיט דער געפאַר, אַז פאַרן אויג טאַנצט אַלע ווײַלע אויף אַן אַנדער נאַטור־וואונדער.

ווי ווייט מיר גייען זעט מען דורכאויס שיינע פלאַנצונגען. אַט שטויסן מיר זיך אָן אָן אַ קאַקטוס־קוסט, און מיט זיינע מיליאָנען שטעכעדיקע נאָדלען, איז ער גרייט אָנצופאַלן אויף יעדן איינעם, וואָס וואַגט אים צו באַרירן. אפילו דעם האיקערס גראָבע, באַנע־געלטע שטיוול און דיקע וואָלענע זאָקן העלפן אויך ניט. ווילט איר אים נאָר צודריקן מיטן פוס, אַזוי שנעל קריכן אייך זיינע נאָדלען דורך די שטיוול און וואָלענע זאָקן און הויבן אָן צו צערטלען אייער נאַקעטן פוס... און איך בין זיכער, אַז יעדער איינער, וואָס איז אַמאָל געווען געצערטלט פון די קאַקטוס נאָדלען, דער וועט דעם טעם דאָס גאַנצע לעבן ניט פאַרגעסן...

אַט ציען זיך אַוועק מיילן ווייט אַ לאַנגע שורה קליינע בוי־מער, וואָס גיבן פון זיך אַרום ריזיקע בלעטער באַדעקט מיט אָדע־רן. אָפטמאָל דערזעט מען צווישן זיי אַרויסשטעקן דעם באַוואוסטן „מיינגאָ"־בוים.

די „מיינגאָ"־בוימער זיינען אפשר די שיינסטע טראָפּישע פלאַנצונגען, וואָס זיינען פאַראַן אויף דער וועלט.

דער מיינגאָ־בוים האָט דעם אויסזען פון אַ שיינעם גרויסן בור־קעט בלומען. פונקט ווי דער בוקעט בלומען, איז דער מיינגאָ־בוים דין אונטן, ווי מען האלט אים אין דער האנט. און אויבן איז ער צעשפרייט און פון צעשפרייטן געדיכטן קאָפּ האָר, שיקט ער אראָפּ זיינע שטראַלן.

און דער פּאַסיפישער־ים לאָזט דאָ אויך ניט פארבייגיין און אים ניט באמערקן. אָט האָט ער זיך אָנגעזעצט אויף די טויזענטער לאַווא־פעלזן, וואָס רוען ביים זוים פון ים, און געמאכט פון זיי זיין שטענדיק שפּיל. אָט שיקט ער ארויס אַ מחנה צעווילדעוועטע כוואַליעס, וואָס שוימען אַזש פון רציחה און זיי ווארפן זיך אויף די לאַווא־פעלזן און ווילן זיי פארניכטן. איידער איין מחנה באַווייזט נאָך זיי צו באַפאַלן, יאָגן שוין גלייך אַנדערע מחנות פון הינטן. און איידער די ערשטע האָבן נאָך באַוויזן פארמאטערטע זיך אומ־צוקערן,—יאָגן זיך שוין די אַנדערע איבער זיי אריבער און אַטאַקירן די איינזאַמע נאַקעטע פעלזן.

אַ סך פעלזן האָבן טאַקע די כוואַליעס שוין באַזיגט, אָפּגעריסן פון זיי גאַנצע שטיקער און אָנגעמאַכט אַ חורבן צווישן זיי. די פעלזן האָבן זיך מער ניט געקענט האַלטן אויף די פיס און זיינען אומגעפאַלן, האָבן זיי די כוואַליעס צו זיך אין ים אריינגעשלעפּט און פארשלונגען.

*   *   *

קאומאנא קייווס (הײלן)

פארנאכט האבן מיר דערגרייכט „קאומאנא־קייווס“. דא האבן מיר באשלאסן איבערנעכטיקן און אויף מארגן אים גיין באזוכן.

„קאומאנא קייווס“ איז איינע פון די לייגסטע און אינטערעסאנ־טסטע הײלן אונטער דער ערד, וואס געפינט זיך אויף די האוואי־אינזלען. אדער אפשר טאקע די לייגסטע לאווא־הייל אין דער וועלט.

ס'האט זיך נאך קיינעם ביז איצט ניט איינגעגעבן איר סוף צו דערגרייכן. ווי געאלאגיסטן (ערד־קענער) דיינקן, האלט דער דא־זיקער לאווא־טונעל 50 מייל די לענג און זיין ענד דערגרייכט דעם „קילא־אויע וואולקאן“.

מיר האבן זיך צוגעגרייט צו דעם „הייק“ אין דעם טיפסטן „טונעל“. מיר האבן מיטגענומען עסן און וואסער פאר א טאג צייט; אנגעגרייט גענוג „פלעש־לייטס“ צו זיין זיכער, אז זיי וועלן אייניקע טעג ברענען, אדער טאמער ווערן אייניקע פון זיי קאליע. מיר האבן זיך מיט אלעם צוגעגרייט, ווייל מיר האבן גוט געוואוסט, אז ארויס־קומען לעבעדיקע פון דעם לאנגען קבר איז נאר דאן מעגלאך, ווען מיר וועלן האבן מיט זיך פייער. גייט אויס דאס פייער,—זיינען מיר פארלארן.

אויך האבן מיר צוגעגרייט גאנצע קנוילן ווייסע שטריקלאך; דאס האט אונז געזאלט דינען אלס וועגווייזער צו געפינען דעם וועג אויף צוריק, ווייל דער לאווא־טונעל האט ניט קיין גלייכע וועגן. עס געפינען זיך דא א סך הײלן און לאבירינטן, וואס פירן דורך פאר־דרייטע, קרומע וועגן ווער ווייס וואוהין. ווען מען זאל אין זיי פאר־קריכן און ניט לאזן הינטער זיך א שפור, אן א וועגווייזער, קאן מען שוין מער די ליכטיקע וועלט ניט אנזען.

נאך שעה'ן „הייקן“ איבער שפיציקע לאווא־פעלזן און לאווא־פעלדער, האבן מיר ענדלאך דערגרייכט די קאומאנא־קייווס“.

א טיפער אפענער אריינגאנג. מיר האבן זיך פארזיכטיק ארונטערגעלאזט צום באדן און זיך אפגערוט אביסל. נאכהער האבן מיר אנגעצונדן די „פלעשלייטס“, אנגעבונדן דעם ברעג פון קנויל אן א שטיק לאווא־פעלז און מיר האבן אנגעפאנגען צו שפאנען אין דעם פינסטערן טונעל. הינטער אונז האט זיך פריי געקנוילט דאס ווייסע שטריקל וואס האט אונז געדארפט ווייזן דעם וועג אויף צוריק.

ס'האט ניט לאנג גענומען און דאס ביסל ליכטיקייט, וואס איז געקומען פון דעם אריינגאנג, איז פארשוואונדן און מיר זיינען געבליבן אין דער פינסטער. די עלעקטרישע פייערן האבן זיך אויסגעצויגן און אפגעשפיגלט זיך אויף די לאווא־ווענט.

מיר זיינען דא געווען ווייט אוועק פון מענטשן, אדער פון וועלכע עס איז לעבעדיקע באשעפעניש, ווי געפאנגענע אין דעם שווארצן, מורא'דיקן און ענדלאזן לאווא־קבר.

מיר גייען ווייטער, אדער בעסער גערעדט, מיר קריכן שוין, ווייל גיין איז שוין איצט אומעגלאך: פיל שפיציקע לאווא־פעלזן פארשטעלן דעם וועג. מוז מען איבער זיי אריבערקריכן. אדער אנדערע פעלזן דערגרייכן ביזן סופיט, מוזען מיר זיך אויסציען אויף דער ערד און אזוי ארום דערקריכן. נאר וואס ווייטער מיר גייען, קריכן און קלעטערן, אלץ אינטערעסאנטער ווערט דא צו באאבאכטן די פרעכטיק־שיינע וואונדער וואס מען זעט דא. גאר אן אנדער וועלט, א וועלט פאר זיך אליין. אמת טאקע, א פינסטערע וועלט, אבער זייער אן אינטערעסאנטע און איז זיכער ווערט באוואונדערט צו ווערן.

מיר זיינען שוין געווען ווייט אוועקגעקראכן און מיר האבן אלץ נאך געזען אנגעווארפענע שטיקער שווארצע לאווא און שפיציקע לאווא־פעלזן שטעקן פון די ווענט ארויס און פון סופיט ארויס, און ווי טרערן האלטן אין איין גיסן זיך פון זיי.

מיר זיינען באלד צוגעקומען צו א פארדרייטן קארידאר אין דערזען פאר זיך אן אמת־שיינעם פאלאץ, געבויט פון דער לאווא

אליין. ס׳האט אויסגעזען ווי טורעמלאך און קאמערלאך וואלטן זיך געצויגן ווייט־ווייט אוועק.

מיר האבן באטראכט דעם נאטור־וואונדער, וואס די לאווע האט דא געשאפן, און מיר האבן ווייטער גענומען „הייקן". באלד זיינען מיר צוגעקומען צו א גריכישן סטאדיום. פונקט פון דעם זעלבן אויסזען, ס׳זאל פעלן א האר, האלב־רונדיק און טרעפ, די אויבערשטע העכער פון דער אונטערשטער. מיר האבן איצט דעם פאעטיש־גריכישן לאווא־סטאדיום אויסגענוצט אויף זייער א פראזאאישער זאך: מיר האבן זיך אויף אים אוועקגעזעצט אפרוען און גענומען עסן אונזער אנבייסן, ווייל עס איז שוין געווען מער ווי האלבער טאג אוועק און דער מאגן האט זיך שוין געבונטעוועט, געמאנט זיינס...

מיר האבן אפגעגעסן, זיך ווידער אפגערוט און ווייטער גענומען גיין אדער קריכן.

וואס ווייטער מיר שפאנען איצט אדער קלעטערן און קריכן, אלץ שווערער ווערט שוין דער וועג פאר אונז. עס איז שוין שטונדן לאנג, ווי מיר מוטשן דעם רוקן, בייגן אים יעדע ווייל׳ע, און דאס גלייכן די קני; מיר האלטן זיי אין איין פייניקן ביז ווייטאק, ווייל מיר באנוצן זיך מיט זיי אלע ווײַלע קריכנדיק איבער דער שפיציקער לאווא און צעמזיק׳ן זיי ביז בלוט. און זיי פאדערן מיר זאלן גיין צוריק. נאר דער פארלאנג צו גיין אלץ טיפער אין דעם פינסטערן, מיסטעריעזן טונעל, און זען ווי עס קוקט אויס נאך ווייטער, זיגט. און מיר גייען ווייטער. און באלד שטויסן מיר זיך ווידער אן אן נייע פארדרייטע וועגן. מיר בלייבן שטיין און מיר ווייסן ניט וועלכן וועג מיר זאלן אויסקלייבן צו גיין. מיר קלייבן אויס א וועג, וואס איז פארבאראקאדירט מיט לאווא־פעלזן. אונז האט זיך געדוכט, אז וואו ס׳איז שווערער מוז זיין אינטערעסאנטער.

מיר קריכן דורך די אנגעווארפענע לאווא־חורבות און מיר דערגרייכן א הויכן פעלז. מיר הויבן אן אריבערצוקלעטערן איבער אים און באלד רייסט זיך א שטיק לאווא פעלז אפ און פאלט צום באדן. ס׳הילכט אפ אן עכא ווייט־ווייט אין דעם ענדלאזן טונעל.

עס פאַלט עפּעס אָן אַ מורא אויף דער נשמה. עס דוכט זיך ווי בייזע רוחות וואָלטן זיך געפינען דאָרט אין דער ווייטקייט, און זיי וועלן צו אונז באַלד קומען און אונז אויף אייביק ערגעץ־וואו פאַר־שלעפן.

מיט אַמאָל דערגרייכן מיר אַ לאַנגגן וועג פון וואַנען דער עבאָ האָט זיך דערטראָגן. דאָ זעט מען שוין ניט קיין אָנגעוואָרפענע לאַווא־פעלזן. מיר גלייכן אויס אונזערע רוקנס, רוען זיך אַ ווײַלע אָפּ און נעמען ווייטער שפּאַצירן. און באַלד דערזעען מיר אַ נייעם מין אַרכיטעקטור און נייע וואונדער.

פאַר מיילן ווייט האָט זיך געצויגן אַ ריינער וועג. קיין לאַוואַ־שטיינדעלעך האָבן זיך אויף אים ניט געפונען, קיין פעלזן, פונקט ווי אימיצער וואָלט דאָ אָפּגערייניקט און אָפּגעשליפן דעם באָדן. די גאַנצע לייַנג פון סופיט און ווענט איז געווען אָנגעזעצט ווי מיט שוואַרצע לאַווא־ברוסט און פון די ניפּלען האָבן טראָפּנס וואַסער גע־שוואַרצע לאַווא־ברוסט און פון די ניפּלען האָבן טראָפּנס וואַסער גע־קאַפּעט. עס האָט אויסגעקוקט ווי די לאַווא־בריסט וואָלטן געשפּייזט דעם ריזיקן און ענדלאָזן „קאָמאַנאַ קבר“.

אָט־די וואונדערבאַרע אַרכיטעקטור, איינע וואונדערבאַרער פון דער צווייטער, האָבן ביי אונז אַרויסגערופן עפּעס אַ מורא אַזאַ צו־זאַמען מיט באַגייסטערונג.

דעם גאַנצן טאָג האָבן מיר געהייקט און געקראָכן אין דעם אויסערגעוויינלאַכן אומפאַרגעסלאַכן „קאָמאַנאַ“־טונעל.

ווען מיר האָבן נאָך אַ לאַנגען וועג, צוריק דערגרייכט דעמזעלבן לאַווא־פעלז אָן וועלכן מיר האָבן אָנגעבונדן דעם קנויל ביים אַריינ־גאַנג, האָבן מיר דערפילט די פרישע וואַרימע לופט. און דערזען דעם שיינעם טונקעלן אויסגעשטערנטן הימל, איז עפּעס פריילאַכער געוואָרן אויפן האַרצן און מיר האָבן זיך דערפרייט דערמיט, וואָס מען האָט זיך בשלום אומגעקערט פון דעם אינטערעסאַנטן און גע־פערלאַכן „קאָומאַנאַ־קבר“ אויף דער וועלט אַרויס.

די לעגענדע דערציילט, אַז די געטין „כינא“ האָט אַמאָל גע־

לעבט אין א קעלער אונטער דעם רעגנבויגן וואסערפאלן. איז אמאל געקומען צעשווימען „דראגאן" (א וואסער־גאט) מיטן נאמען „קונ־מאא" און האט געפרובט דערטרינקן די געטין „כינא". די געטין האט זיך אליין ניט געקענט פארטיידיקן, האט זי גערופן צוהילף איר זון, דעם האלבן גאט מאאיי. וועלכער האט זיך געפונען אויפן אינזעל „אהללאקאלא", וואו ער האט געמאכט א פארזוך צו פאר־טשעפן די זון מיט א שטריק...

ער איז מיט בלויז צוויי שטארקע באוועגונגען צוגעשוואומען צום רעגנבויגן וואסער־פאל. ווי ער האט נאר דעם פלאץ דערגרייכט, האט ער גלייך געגומען טרייבן דעם „דראגאן", האט אים אריינגע־טריבן אין די „קאכעדיקע טעפ" און דארטן האט ער אים פארשאלטן און באווארפן מיט ברענענדיקע לאווא־שטיינער, ביז דער „דראגאן" איז געבליבן טויט.

פאר־טאג האבן מיר אנגעפאנגען „הייקן" צו די קאכעדיקע טעפ פון רעגנבויגן וואסערפאל. דער וועג איז געווען א ווייטער און א שווערער. מיר האבן באדארפט דורכגיין א שטרעקע פעלדער, וואס איז געווען מיט צוקער־שטעקנס און עס איז ניט געווען אזוי לייכט דורך זיי דורכצוקריכן. לאנג האבן מיר מיט זיי געמוזט קעמפן, איידער זיי האבן אונז געלאזט דורך זיי דורכשפארן זיך צום ארט, וואו מען האט פריי געקאנט באטראכטן דעם רעגנבויגן וואסערפאל און די קאכעדיקע טעפ.

דער וועג ווערט אלץ שווערער און שווערער. מיר קריכן אלץ בארג־ארויף. ענדליך דערגרייכן מיר דעם שפיץ פון בארג און מיר דערזעען אן אנדער שוועריקייט צו אונזער ציל. עס האט זיך אנט־פלעקט פאר אונז א טאל און אויף זיין באדן שטראמט א ברויזנדיק וואסער. אים אויסצומיידן איז קיין אנדער וועג ניטא, ווי נאר ארוי־בערגיין א קיילעכדיקע קלאץ, וואס ליגט אויסגעשפרייט פון איין זייט טאל ביזן צווייטן. עס ווערט אומעטיק אויפן הארצן: אזוי פיל זיך אנגעשטריינגט און איצט זאלן מיר ניט קענען דערגרייכן אונ־זער ציל, וואס שיינט צו זיין אזוי נאענט צו יענעם זייט טאל. ניין! מיר גיבן זיך ניט אונטער: מיר זעצן זיך אויף רייטנדיק אויפן קלאץ און לאנגזאם, פארזיכטיק באוועגן מיר זיך פאראויס און מיידן

אוים דערביי אראָפּצוקוקן צום אָפּגרונד, כדי עס זאָל ניט אָנפּאַנגען שווינדלען פאַר די אויגן און כדי ניט ארונטערצופאַלן.

מיר שטרעקן אוים די הענט פאָראוים און האַלטן זיך פעסט אָן אָן דעם פאַרשימלטן קלאָץ. ווען מיר פילן, אַז די הענט האַלטן זיך פעסט, גיט דער גאַנצער קערפּער אַ טאַנץ נענטער. אַט אַזוי האָט דער ריזיקאַלישער טאַנץ אָנגעהאַלטן אַ שטיק צייט, און נאָך יעדן טאַנץ האָט זיך געדוכט, אַז אַט וועט זיך דער קלאָץ איבערברעכן און אונז אַרונטערשליידערן צום אָפּגרונד.

ענדלאַך האָבן מיר די דאָזיקע געפאַר אויך איבערגעקומען און מיר האָבן דערגרייכט די אַנדערע זייט פון טאָל, וואו עס האָבן זיך פאַר אונז אַנטפּלעקט די „קאָכנדע טעפּ" פון דעם רעגנבויגן וואַסערפאַל.

פון אַ הויכן לאַוואַ־באַרג, וואָס האַלט טויזנטער פוס די הויך, אַרומגערינגלט מיט געדיכטע, שיינע פלאַנצונגען, יאָגט זיך אַ שטורמדיקער וואַסערפאַל ארונטער, און פאַלנדיק פון זיין ריזיקער הויך, שלאָגט ער זיך גלייך אָן אָן לאַוואַ־פעלזן, וואָס ליגן אין אַ שמאָלן לויפנדן טייכל אָנגעוואָרפן. נאָר לאַנג לאָזט ער זיך ניט האַלטן געפאַנגען צווישן די אָנגעוואָרפענע פעלזן. ער שפּאַרט זיך דורך זיין וועג צו אַן אַנדער אָפּגרונט און הויבט זיך אָן נאָך מיט מער געשווינדקייט אַרונטערלאָזן, אָבער מיט איינציקע טויזנטער פוס נידריגער, ווערט ער באַלד ווידער פאַרהאַלטן פון אַן אַריבערגייענדיקן גרויסן לאַוואַ־פעלז.

ער ווערט אומרואיקער און זוכט אַ וועג וואו צו אַנטלויפן. ער צעשפּרייט זיך אין איינציקע פלעצער און לאָזט זיך באַלד ווידער טויזנטער פוס ארונטער.

אַ טיפע הייל, פּונקט ווי אַ ריזיקע קיך, פאַרהאַלט אים ווידער. דאָ ווערט ער שוין אַביסל אויסגעמאַטערט, רוט ער זיך אָפּ פאַר אַ מאָמענט, פּונקט ווי ער וואָלט וועלן פאַר אַ ווייליע אָפּכאַפּן דעם אָטעם און זיין ווייסע שוים ווערט פאַר אַ רגע קלאָר ווי קרישטאָל. און באַלד שווימט ער ווייטער ארונטער צום באָדן דורך פאַרדרייטע שמאָלע וועגן, ביז ער דערגרייכט דעם באָדן ווערט דער פריערדי־

קער ברייטער שטורמדיקער וואסערפאל איינגעצאמט און באקומט דעם אויסזען פון א גרויסן טאפ. און ערשט דא אין טאפ, פירט ער זיין קאמף און לאזט זיך ניט באזיגן, קאכט זיך און שטורעמט, פונקט ווי עס קאכט זיך וואסער אויף א גרויסן ברענענדיקן פייער, און פון זיין לויפנדיקן קאמף ווערן אלע ווילע צענדליקער רעגנבויגנס געשאפן. שטייענדיק דא און באטראכטנדיק דעם צויבערלאכן נאטור־וואונדער, האב איך געפילט, אז ס'האט זיך געלוינט די אנשטריינגונגען און געפארן, וואס מיר האבן דורכגעמאכט אבי נאר קענען זען די „קאכעדיקע טעפ“ פון די רעגנבויגן וואסערפאלן.

* * *

דער קאַקאַ-ניס אינזל

די לעגענדע דערציילט, אַז דער האַלב־גאָט „מאַין" האָט געפּרובט מיט זיין כישוף־קוק צוציען דעם אינזל „מאַיו" (וואָס טראָגט טאַקע ביזן היינטיקן טאָג זיין נאָמען). ער האָט אים געוואָלט אַרויסשלעפּן פון ים און אים פאַראייניקן מיטן אינזל האַוואַי. זיין אינגערער ברודער איז געזעסן אין אַ שיפל און אים געהאָלפן שלעפּן דעם אינזל „מאַיו" מיטן כישוף. ער האָט געוואָרענט דעם ברודער, אַז שלעפּנדיק זאָל ער זיך ניט אומקוקן אויף צוריק. אָבער דער אינגערער ברודער האָט זיך צו זיינע רייד ניט צוגעהערט און האָט זיך אומגעקוקט. דאָס איז געווען די אורזאַך פאַרוואָס דער אינזל האָט זיך אָפּגעריסן פון כישוף־הויך און איז צוריק אוועקגעשוואומען אויף זיין פּלאַץ מיט דער אויסנאַם פון אַ קליין שטיקל אינזל, וואָס איז געבליבן הייגנען ביים „הויך", וואָס זיי איז געלונגען צו צושלעפּן צום אינזל האַוואַאי".

פיל לאַוואַ־פעלדער ליגן ביים ברעג פון ים אָנגעוואָרפן און פאַרצאַמען די לויפנדיקע שטיפערישע כוואַליעס, וואָס ווילן פון קיין ברעג ניט וויסן. וויטער אַביסל איבער די פעלזן געפינט זיך אַ קליינער אינזל וואָס האָט זיך דערהויבן איבערן ים. און לאָזט אויך צו זיך די כוואַליעס ניט צו און אין זיין איינזאַמקייט, אין מיטן ים, זיינען אויף אים אויסגעוואַקסן צענדליקע הויכע קאָקאָ־ניס ביימער, וואָס קוקן אויס פון דערווייטן ווי שומרים וואָס שטייען און באַוואַכן דעם אינזל.

ביינאַכט שפּאַצירט די לבנה איבער דעם קאָקאָ־ניס אינזל און שטראָמט אירע זילבערנע שטראַלן וואָס פאַרכושפ'ן דעם געגנט אַרום און רופן אַרויס אַזוי פיל בייגקענדיקע טרוימען, אַז ס'איז זייער שווער פון דער נאַכט זיך אָפּצורייסן.

* * *

וואנדער פויגעל

אויף איינעם פון די האוואיער אינזלען האבן פויגלען געמאכט זייער זומער היים. בעת אין אלאסקא (סיביר) פארשווינדט דער זומער. דאן, אזוי ווי זיי וואלטן צווישן זיך אפגערעדט, ווערט אין איין שיינעם טאג דער הימל באדעקט מיט מחנות פויגלען און זיי פארלאזן דאן אלאסקא. זיי לאזן זיך אוועק אויף זייער לאנגען וואנ־דער־וועג איבערן אפענעם שטילן־ים, וואס איז א מהלך פון פינף טויזענט מייל. און די גאנצע וועג מוזן זיי פליען אן א שום אפרו, מחמת ס׳איז ניטא וואו צום אפשטעלן זיך. זיי פליען די שנעלקייט פון 150 מייל א שעה, זיי פליען זייער הויך אין די וואלקנס. זיי דערקנערן זיך פון אינסעקטן וואס שוועבן דארט ארום.

די נסיעה דויערט זיי טעג. און די געלערנטע קענען ניט פאר־שטיין ווי אזוי זיי קענען פליען אזא שטח אן שום אפרו. זיי פאר־לאזן אלאסקא אין זעלבן טאג און קומען אן אויפן האוואיער אינזל פונקט אין זעלבן טאג ווי לעצטן יאר און פארברייינגען דארט דעם ווארעמען ווינטער, און בעת ס׳פאנגט זיך אן דער פרילינג אין אלאסקא קומען זיי דארט צוריק צופליען.

איינער א געלערנטער וואס האט פארבראכט יארן אויף דעם אינזל און שטודירט די מין־פויגעל, האט באמערקט אזא פאל: אלע פויגלען זיינען אוועקגעפליגן בלויז איין פויגל האט זיך ניט גערירט פון ארט. איז ביים געלערנטן געווען א גרויסער חידוש. איז ער צו געגאנגען צו דער פויגל. זי רירט זיך ניט פון ארט ער הויבט איר אויף זעט ער ווי זי האט א צובראכענעם פוס. ער האט לאנג ניט געטראכט און געמאכט אן אפעראציע. אבגעשניטן די צובראכענע פוס און תיכף צוגעמאכט א הילצערנע פוס.

אין אייניקע טעג ארום איז געשען א נס. זי איז אוועקגעפלוי־

גען. און אַט אַזוי כסדר איז זי יעדען יאָר מיט אַלע פויגלען גע־
קומען צופליען אויפן אינזל און זי האָט געמאַכט איר נעסט פונקט
נעבן געלענרנטנ'ס הויז. אָבער אויפן זעקסטן יאָר איז זי שוין מער
צוריק ניט געקומען. לאָז זיין אַז ס'איז איר צובראָכן געוואָרן די
קוליע און זי איז אומגעקומען. ווער ווייס?

* * *

„נאהא“

א ווייט־פליסנדיקער טייך, געבעט מיט לאַוואַ, וואָס א פאַר־שוואונדענער באַרג האָט אים אַמאָל געשענקט. וואו ניט וואו איז דער טייך מיט פעלזן באַצירט און די לויפנדיקע וואַסער האַלט זיי אין איין וואַשן און האָט זיי שוין געמאַכט גלאַנציק ווי געשליפן גלאָז. נעבן דעם טייכל ליגט א גרויסער שטיין, זיין נאָמען איז „נאהא“. דאָס איז דער איינציקער שטיין, וואָס איז פאַרבליבן פון אַן אַלטן האַ־וואַאי־טעמפּל מיטן נאָמען „פינאַאַ“.

די הייליקע פון האַוואַאי אינזל האָבן פאָראויסגעזאָגט, אַז דער וועמען עס וועט זיך איינגעבן אָפּצורוקן דעם שטיין פון פּלאַץ, וועט ווערן דער קעניג פון די האַוואַאי אינזלען.

אַלס קינד האָט „קאָמימיע“ באַזוכט דעם אינזל און געפּרובירט אָפּרוקן דעם שטיין און ס'איז אים געלונגען איבערקערן דעם שטיין. ער איז פון זיין אייגענער גבורה אַזוי באַגייסטערט געוואָרן, אַז ער האָט גענומען פאַרווירקלאַכן די נביאה וואָס די הייליקע האָבן פאָר־אויסגעזאָגט און ער האָט טאַקע אַלע אינזלען באַזיגט און געוואָרן דער הערשער פון זיי.

דער גרויסער שוואַרצער שטיין איז אַוועקגעלייגט געוואָרן אַלס מאָנומענט נאָך יענער היסטאָרישער פּאַסירונג. די האַוואַיער קומען אָפט אהער צו באַזוכן דעם „הייליקן מאָנומענט“.

לאַנג־לאַנג בין איך געשטאַנען אויפן דעק פון שיף און מיט א בייינקענדע האַרץ געקוקט אויפן וואונדערבאַרן אינזל „הילאָ“, פון וועלכן די שיף האָט מיך מיט יעדער מינוט אַלץ ווייטער און ווייטער אַוועקגעריסן.

ווען מען האט מיך געהייסן פון דעק־שיף ארונטערגיין אין קאיוטע, האָב איך צום לעצטן מאָל מיינע בליקן געוואָרפן אויף דעם העכסטן בארג פון דעם אינזל „מאנא־לאָא“ וועמעס גיגאנטישער ווייסער שניי־קאָפּ דערגרייכט 13,805 פוס די הויך.

ווען איך בין ארונטער אויפן דעק פון שיף האָבן שוין מיינע מיטרייזענדע, וואָס זיינען באשטאנען פון פארשידענע נאציאנאליטעטן, ווי פיליפּינער, כינעזער, יאפּאנעזער און האוואיער מענער, פרויען און קינדער, געהאט באזעצט יעדן שפּאן און גאנץ געמיטלאך זיך אויסגעבעט אויף דער שמוציקער פּאָדלאָגע נעבן די קלאפנדיקע הייסע מאשינען.

מיט שווערע מיה איז מיר קוים געלונגען דורך זיי דורכצוקריכן און ,צו דערגרייכן אן אָפענעם פענסטער און דאָרט זיך אוועק שטעלן.

ווייט־ווייט, אין דער ווייטקייט פון ים זיינען מיינע בליקן געפאלן, און געקוקט אין זיין מורא'דיקער טיפעניש. נאָר באלד האָבן מיינע אויגן צום הימל ארויפגעקוקט און איך האָב דערזען איינע פון די אויסערגעוויינלאכע נאטור־ערשיינונגען וואָס מען זעט אזעלכעם זעלטן אין לעבן. איך האָב דערזען אין הימל א „מיראזש“, און ווי ווייט איך האָב געקוקט אין פארשידענע ריכטונגען האָבן זיך אלץ אנדערע שיינערע אָפּשפּיגלונגען אין הימל באוויזן: אָט איז געהאנגען א גרויסער גאָרטן פול מיט בוימער און אנדערע פארשידענע פלאנצונגען. זיי האָבן אויסגעזען צו זיין אזוי נאָענט, אז מען קען זיי מיט די הענט דערגרייכן.

אָט האָט זיך באוויזן א ריזיקער פיש וואָס שוועבט אין ים פון וואָלקן־כוואליעס און יאָגט זיך ווייט־ווייט אוועק.... אָט האָבען זיך באוויזן אָן א צאָל טורעמלאך, פּאלאצן, וואָס האָבן אין הימל געהאנגען, און דאָס הארץ האָט זיך גענומען שרעקן טאָמער פאלן זיי אראָפּ....

דאָס איז געווען איינע פון די שענסטע טרוימען, וואָס מען קען זיך נאָר פאָרשטעלן. מען קען אויף קיין פאל ניט קאָנצענטרירן די געדאנקן בשעת מען זעט דאָס טאקע אין דער ווירקלאכקייט.

ס'דוכט זיך, אז מען געפינט זיך אין א פאר'כשופ'ט לאנד....

לאנג־לאנג האב איך מיינע אויגן ניט געקענט אפרייסן פון דעם פארביקען „מיראזש"־בילד....

ווען די שיף איז אנגעקומען אין „וואמבעי" אף דעם אינזל קאואי, האט שוין די זון שטארק געווארימט דעם אינזל. מיר האבן זיך צוגעגרייט פאר אייניקע טעג מיט שפייז, אנגעפילט אונזערע „געטינס" מיט וואסער, איבערגעקוקט צו די „פלעשלייטס" ברענען גוט, צוגעגרייט די קאמערא פאר נעמען בילדער, פארווארפן דעם פאק אף די פלייצעס און זיך אוועקגעלאזט צום „בארקינג סענד" (בילענדער זאמד).

דער זאמד, וואס בילט ווי א הונט, איז איינע פון די אינטערעסאנטע נאטור־וואונדער פון דער וועלט.

ווי געלערנטע געאלאגן (ערד פארשער) דיינקען, זיינען בלויז צוויי אזעלכע נאטור־וואונדער פאראן אף דער וועלט. איינער דא אף דעם אינזל און דער צווייטער אין דעם זאהארא־מדבר.

מיט פרייד און געזאנג האבן מיר איצט געהייקט אין דער ריכטונג פון זאמד וואס בילט. מיר האבן געוואוסט אז דער „בארקינג סענד" ליגט לעבן ברעג פון ים, און מיר זיינען געגאנגען אין יענער ריכטונג. די ערשטע פאר שעה איז קיין שווערקייט צו הייקן ניט געווען, ווייל מיר האבן געשפאנט איבער לאווא־פעלדער ארומגערינגלט מיט פלאנצונגען און פון ווייטן האבן זיך געזען בערג און וואסערפאלן, און ס'איז געווען וואס צו באטראכטן פארן אויג.... אבער באלד זיינען די לאווא־פעלדער פארשוואונדן, און א טיפע ליימיגע פעבעדיק געגענט האט זיך אויסגעשפרייט פאר מיילן און מיילן ווייט.

מיר הויבן אן צו הייקן איבערן פעביקן באדן, וועלכער האלט אונז פעסט אין זיינע קלאמערן. נאר ווי מיר שטעלן אריין א פוס, אזוי שנעל קלעפט ער אים ארום און לאזט אים זיך פון ארט ניט רירן, פונקט ווי ער וואלט אונז געוואלט פארהאלטן, אז מיר זאלן ניט קענען דערגרייכן צו זען דעם וואונדער־פלאץ, דעם זאמד וואס בילט.

ס. בערנשטיין

מיר ווערן פאַר׳עקשנ׳ט, שטעקן מיר אַריין אין באָדן די גראָבע שטעקנס, וואָס מיר טראָגן מיט זיך, שפּאַרן זיך אָן זיי אָן און שלעפּן אַרויס אַ פוס נאָך אַ פוס. אָבער ווען איין פוס ווערט באַפרייט פון דעם פּעביקן זומפּ, איז דער פוס אַזוי שווער פון דעם צוגעקלעפּטן פּעך, אַז מיר מוזן גלייך באַנוצן אונזער גרויסן שוועדישן הייקינג מעסער און צו באַפרייען פאַר אַ סעקונדע די פיס פון דער שווערער מאַסע, וואָס שלעפּט זיי צוריק אין זומפּ אַריין....

מיר ווערן פאַרצווייפּעלט, און ווייסן ניט וואָס צו טאָן, קוקן מיר פאַראויס צו זען ווי ווייט מיר דאַרפן דאָס דורכגיין דעם גהינום און ס׳ווערט קאַלעמוטנע אַפן האַרצן, ווייל עס זעט זיך גאָר קיין סוף ניט. וואָס טוט מען? אויפגעבן דעם הייק צום זאַמד וואָס בילט גלוסט זיך ניט. מיר האָבן שוין דורכגעוואַנדערט מער ווי 8,000 מייל איידער מיר זיינען אַזוי נאָנט צו אים צוגעקומען, און איצט זאָלן מיר זיך אומקערן און אים ניט זען. ניין! פאַר קיין פאַל ניט. און מיר באַשליסן, אַז היינט נאָך, איידער די זון פאַרגייט, מוזן מיר אים דערגרייכן און אויף אים נאַכטלעגער האַלטען.

מיר האָבן פיל צוקער־שטעקענעס אָפּגעהאַקט, געוואָרפן זיי פאַראויס, דעם שטעקן טיף צום באָדן אַריינגעשטעקט און אָנגעשפּאַרט זיך אַף אים, געשטעלט די פיס אַף די צוקערשטעקענס, כדי זיי זאָלן טיף ניט איינזינקען און אַזוי אַרום געהאַלטן אין איין איינגעמען שפּאַן נאָך שפּאַן פון פּעביקן זומפּ, וואָס האָט אונז געוואָלט שטערן צו דערגרייכן אונזער ציל.

און נאָך לאַנגע שטונדן פון קאַמף מיטן פּעביקן זומפּ, וואַרפנדיק צוקערשטעקנס פאַראויס און יעדע ווײלע אָפּרייניקנדיק אונזערע שיך, מיט די שוועדישע מעסערס, זיינען מיר ענדלאַך פּטור געוואָרן פון דעם פּרעגלענדיקן גהינום.

מיר האָבן איצט דערגרייכט אַ טרוקענעם באָדן, דורכאויס אויסגעבעט מיט גאָלדענעם זאַמד און מיט שייניקע ים־שעלס. מיר האָבן איצט פריי אָפּגעאָטעמט, זיך אָפּגערוט, אַרויפגעקוקט צום בלויען הימל, צו די ווייסע שטיפערישע וואָלקנס, וואָס מיר האָבן פאַר שעה׳ן ניט געקענט זען.

באַלד האָבן מיר פון דערווייטנס דערהערט דעם רויש פון די כוואַליעס, פונקט ווי זיי וואָלטן אונז באַגריסט,—און ס'איז געוואָרן אַזוי פריילאַך אויפן האַרצן. מיר האָבן זיך שוין גאָר פאַרגעסן וואָס מיר האָבן נאָר וואָס אַזוי פיל צרות דורכגעמאַכט, אַז לידער האָבן זיך איצט פון ברוסט אַרויסגעריסן און מיט געזאַנג און פרייד האָבן מיר באַגעגנט דעם זאַמד וואָס בילט.

ליגן לאַוואַ־פעלזן אָנגעוואָרפן ביים זוים פון שטילן ים, אָבער דער נאָמען שטערט אים ניט צו זיין ברויזנד, ווילד, ווי נאָר אַ ים קען זיין. דער ים טרייבט זיינע כוואַליעס צום ברעג און זיי האַלטן אין איין אַטאַקירן די לאַוואַ־פעלזן. אַט האָבן זיי דורכגעבויערט אַ טיפן לאָך אין אַ לאַוואַ־פעלז און זיי שפּאַרן זיך דורך אים דורך מיט אַזאַ קראַפט אַז זיי שיסן אַזש אַרויף אין דער הויך ווי אַ גייזער.

ווייטער אַביסל פון ים זעט מען הויכע לאַוואַ־בערג דורכאויס באַוואַקסן מיט ביימער און פלאַנצונגען. און נעבן ברעג פון ים, אַביסל אָפּגעטראָטן, אַז די כוואַליעס זאָלן אים ניט קענען גרייכן, רוט דער „זאַמד וואָס בילט"...

אַ ווייסער קלאָרער זאַמד, ליגט ער פאַר אייניקע מייל ווייט אויסגעשפּרייט נאָענט צו זיינע שוואַרצע שכנים די שוואַרצע לאַוואַ בערג.

עס מאַכט דעם איינדרוק ווי דער „זאַמד וואָס בילט" האָט זיך פאַרזינדיקט. און פון זיין מדבר־לאַנד איז ער פאַרטראַגן געוואָרן אָפּצוריכטן גלות אויף דעם פאַרהאַרטעוועטן לאַוואַ־אינזל, נעבן רוישענדן ים.

„דער זאַמד וואָס בילט" איז איינע פון די אינטערעסאַנטעסטע נאַטור־וואונדער אין דער וועלט. זיין קלאָרן רוקן דערלויבט ער קיינעם ניט צו באַטרעטן. אַזוי איידל איז ער, אַז ער קען קיין דרוק ניט פאַרטראָגן. וואָגט מען נאָר אַ פוס אויף אים אַרויפצושטעלן, אַזוי הויבט ער גלייך אָן צו פּראָטעסטירן און עס דערהערט זיך פון אונטערן טראָט אַרויס אַ פּראָטעסט ווי דאָס בילן פון אַ הונט...

און וואָס פעסטער מען טרעט אויף אים, אַלץ שאַרפער הערט

מען דאָס בילן פון אונטער די פיס, און ס'דוכט זיך אויס, ווי הינט וואָלטן געבילט אונטערן זאַמדיקן באַרג און געדראָט צום בייסן אויב איר פאַרלאָזט ניט באַלד דעם פּלאַץ.

אַזוי ווי ס'האָט שוין געהאַלטן באַלד ביים זון־פאַרגאַנג, האָבן מיר זיך גענומען אויסבעטן אונזער געלעגער הינטער די געדיכטע קליינע קוסטן, וואָס טוליען זיך צום שיינעם „באַרקינג סענד".

מיר האָבן איבערגעדעקט די קוסטן מיט אונזערע רעגנמאַנטלען צו שיצן זיך אין פאַל פון אַ רעגן. מיר האָבן אויך אַנטליען ביים „באַרקינג סענד" אַ ביסל זאַמד און דאָס אונטערגעבעט, און אויסגעשפּרייט דערויף די בליינקעטס, און אוועקגעלייגט די טאָרבעס צוקאָפּנס. פאַרטיג געוואָרן מיט די געלעגערס זיינען מיר אַרויף אויפן „באַרג וואָס בילט" עסן וועטשערע.

אָפּגעגעסן האָבן מיר זיך אויסגעצויגן אויפן ווייכן „זאַמד וואָס בילט" און גענומען באַאָבאַכטן דעם זון־פאַרגאַנג.

דער שטילער ים איז געוואָרן אומרואיקער ווען די זון האָט אים מיט פייער באַדעקט, איידער זי איז הינטער אים פאַרשוואונדן.

ברויזנד האָבן זיך געטראָגן די אָנגעצונדענע כוואַליעס צום ברעג און געוואָלט זיך אויף דעם קלאָרן „באַרג וואָס בילט" אַרויפוואַרפן.

וואָס ווייטער די אונטערגייענדיקע זון האָט גענומען אין ים זיך אונטערטונקען אַלץ רויטער, ברענענדיקער איז דער ים געוואָרן. און ווען זיין קאָפּ איז שוין הינטערן וואַסער געווען, האָט זיך פּלוצלונג דער גאַנצער הימל און וואָלקנס אין אַ העלישן פייער אָנגעצונדן און די ברענענדיקע וואָלקנדלאַך האָבן זיך צו די לאַוואַ־בערג געיאָגט אויף זיי זיך אָפּצוקילן.

און באַלד זיינען די בערג און טאָלן מיט וואָלקנס באַדעקט געווען און דער טונקעלער שלייער פון נאַכט האָט אַלץ איינגעהילט.

ביז שפּעט אין דער נאַכט זיינען מיר אַליין דאָ געלעגן אויף דעם וואונדערלאַכן באַרג, געקוקט אויפן אויסגעשטערנטן הימל, באַטראַכט די לבנה, ווי זי וואַרפט אירע זילבערנע, בונטע שטראַלן צו דעם אָפּגרונט פון פינצטערן, אומרואיקן ים, זיך צוגעקוקט צו די

פייערדיקע, פליענדע פיש, וואָס זיינען אַלע ווײַלע פון ים טיפעניש אַרויסגעפלויגן, אַ פינקל געטאָן אין דער לופטן און באַלד צוריק אין ים פאַרשוואונדן.

פאַרטאָג זיינען די זונען־שטראַלן שוין אריבער די לאַווא־בערג און דורכגעדרונגען דורך די געדיכטע קוסטן הינטער וועלכע מיר שלאָפן, און זיי וועקן אונז אויף.

מיר זיינען באַלד אַרויס פון די קוסטן זיך אויסגעבאָדן אין ים, זיך אָוועקגעלייגט ביים ברעג צו לאָזן די כוואַליעס אויסקנאַקן אונזערע ביינער. און ווען די זונענשטראַלן זיינען פּאַרטיק געוואָרן אָפּ־צוטריקענען אונזערע קערפּערס, האָבן מיר געמאַכט אַ פייער, אויפ־געקאָכט קאַווע און געגעסן פרישטיק. דערנאָך האָבן מיר זיך אוועק־געלייגט אויפן זאַמד נעבן ברעג ים, און גענומען זאַמלען אַ קאָלעק־ציע שעלס, וואָס קוים מען קען זיי זען מיטן נאַקעטן אויג. זיי זיי־נען אַזוי שיין, זיי פאַרמאָגן אַזוי פיל בונטע קאָלירן, אַזוי פיל קאָמ־בינאַציעס פון פאַרבן, וועלכע ס'איז שווער צו טרעפן אין דער גאַנ־צער וועלט, נאָר דאָ נעבן דעם וואונדער־פּלאַץ פון „בארג וואָס בילט".

* * *

ס. באַרנשטיין

ווײלוא טײך

דער „ווײלוא טײך" פליסט דורך דעם אינזל און פאַלט אַרײן אין ים, אויף אַ בערגל באַדעקט מיט קאַקטוס־קוסטן, וועלכע ציען זיך איבער דער גאַנצער לײנג פון ברעג און ס'איז זײער שווער דורך זײערע שטעכיקע נעגל זיך דורכשלאָגן אַ וועג.

דער קאַקטוס־באַרג רופט זיך „רוסישע פעסטונג". ווי ס'ווערט דערצײלט, זײנען די ערשטע ווײסע מענטשן, וואָס האָבן באַטראָטן דעם האַוואַי־אינזל, געווען אַ רוסישער קאַפּיטאַן מיט זײנע מאַט־ראָזן.

כדי זיך צו באַשיצן פון די ווילדע אײנוואוינער האָבן זײ גע־בויט אַ הויז אין די קאַקטוס קוסטן און די קאַקטוסן מיט זײערע שטעכנדיקע נאָדלן האָבן זײ באַנוצט אַלס אַ פעסטונג.

ס'האָט אונז גענומען אַ היבשע שטיקל צײט, ביז מיר האָבן זײער פאָרזיכטיק דורכגעשפּאַצירט דורך די קאַקטוס־קוסטן, און מיר האָבן דערגרײכט די הײזקע, וואָס די רוסן האָבן דאָ אַמאָל מיט הונדערטער יאָרן צוריק געבויט, און וועלכע איז שוין איצט אין רואינען פאַרוואַנדלט געוואָרן.

שפּעטער האָבן מיר דערגרײכט דאָס דערפל „עלע־עלע", וואו ס'געפינט זיך די צוקער־פּלאַנטאַציע, וואו ס'ווערט טעגלאַך גע־שאַפן 190 טאָן צוקער, וואָס די פיליפּינער און יאַפּאַנעזער אַרבע־טער אַרבעטן דאָ אויס פאַר 20 דאָלאַר אַ מאָנאַט.

פון דאַנען האָבן מיר זיך אָוועקגעלאָזן צו דעם „הענעפּעפּע־פאַל", וואָס געפינט זיך אַרום דעם געגנט.

די לעגענדע דערצײלט, אַז „הענעפּעפּע־פאַל" איז דער גאָט פון אַלע וואַסערפאַלן. און ער, דער מעכטיקסטער, וואָס געפינט זיך בײם

סוף פון „קעניאָן“, טרינקט פון דאָרטן זיינע טויזענטער וואסערפאַלן, וואָס פליסן דאָ פאַר מיילן און מיילן די לייננג פון דעם טיפסטן „קעניאָן“ פון דעם האוואַי־אינזל.

ווען מיר האָבן אָנגעפאַנגן „הייקן“ ביים שלענגלדיקן, שטראָמענדיקן טייך, וואָס פאַנגט זיך אָן פון דעם מעכטיקן „הענעפּעפּעפּאַל“ און שניידט דורך זיין וועג דורך די לאַווא־בערג, פאַר צענדליקע מיילן ווייט ביזן ים אריין, האָט שוין די זון שטאַרק געברענט. מיר האָבן איצט שנעל געוואָלט „דורכהייקן“ די ליימיקע שטרעקע ערד, וואָס ציט זיך אַוועק פאַר מיילן ווייט, ביז מיר וועלן אריינדרינגען אין קעניאָן צווישן בערג, ביימער און וואסערפאַלן. נאָר ס'איז ניט געווען אזוי לייכט די ליימענע זומפּן „דורכצוהייקן“. ס'האָט אונז גענומען איינציגע שטונדן איידער מיר זיינען פון דעם זומפּיקן געגנט פּטור געוואָרן און מיר האָבן זיך שוין געפרייט, ווען מיר זיינען דאָס ערגסטע איבערגעקומען און איצט וועלן מיר שוין גיין איבער דעם שיינעם קעניאָן. נאָר באַלד האָבן מיר דערזען אונזער טעות. דער טרוקענער וועג, וואָס פירט דורך דעם קעניאָן האָבן איצט די וואסער־פאַלן פאַרטרונקען. מיר ווערן פאַרצווייפעלט. וואָס טוט מען, ווי גייט מען דאָס אַוועק פון אזא נאטור־וואונדער פּלאַץ און אים ניט זען? מיר הויבן אָן זיך ארומצוקוקן, אפשר איז דאָ ערגעץ אַנדערש־וואו אַ וועג צו קומען צו אונזער ציל. און מיר זעען, אז מיר וועלן דאָס ניט קענען באַווייזן. ס'איז אומזיסט אונער קריכן העכער אַ האַלב אין וואסער, נעבן די ווענט פון קעניאָן. מיר האָבן איצט פאַר זיך געזעען אַן אויסוועג, ווי אזוי „דורכצוהייקן“ דעם קעניאָן, כדי צו דערגרייכן דעם ריזיקן „הענעפּעפּעפּאַל“, און דאָס איז צו ריזיקירן מיטן לעבן און גיין אויף די „וואסער־פּלומס“. וואָס ציען זיך די גאַנצע לייננג פון קעניאָן.

די „וואסער־פּלומס“ זיינען צוזאַמענגעפּלאָכטענע דינע ברעטער, וואָס הייננען טויזענטער פוס הויך און זעען אויס, ווי אַ שמאָלע מולטער. און די מולטער פאַנגט זיך אָן פון דעם ריזיקן „הענעפּעפּע־וואסערפאַל“ און דאָס וואסער שטראָמט דורך דער מולטער אזש צו די צוקער־פעלדער, וואו די צוקער־שטעקענער שטאַרצן פון אים ארויס, און דער וואסער־שטראָם וואַשט זיי, און איבער דער מולטער אין מיטן ליגט אַ שמאָלע ברעט און אָט די ברעט

איז די איינציקע מעגלאַכקייט, ווי אַזוי דעם קעניאָן דורכצוהייקן.

לאַנג טראַכטן איז ניט געווען וואָס: ענטוועדער זיך אומקערן און האָבן דעם קעניאָן ניט געזען, אָדער „הייקן" איבער דער מול־טער טויזענטער פוס די הויך, איבערן שטראָמענדיקן וואַסער.

מיר האָבן דאָס לעצטע אויסגעקליבן און גענומען „הייקן" אי־בער דער מולטער...

ווען מיר האָבן אייניקע טויזענט פוס בארג אַרויפגעקלעטערט, און דערגרייכט די מולטער, און זיך אַוועקגעשטעלט אויף דער די־נער ברעט, וואָס האָט זיך געהוידעט, און מיר האָבן אַרונטערגע־קוקט צום שטראָמענדיקן וואַסער, וואָס יאָגט זיך אין מולטער, און צו דער טיפעניש פון קעניאָן, האָט אונז אָנגעפאַנגען צו שווינדלען פאַר די אויגן און אין קאָפּ. און ס'האָט זיך אונז געדוכט, אַז מיר וועלן דאָס מאָל זיך מוזן אונטערגעבן און ניט זען דעם „הענעפּעפּע וואַסערפאַל", וואָס באַשאַפט אַלע וואַסערפאַלן פון דער וועלט...

נאָר דער פאַרלאַנג זיך ניט אונטערצוגעבן האָט גובר געווען, און מיר האָבן אָנגעפאַנגען פאָרזיכטיק צו שפּאַנען איבער דער מול־טער.

וואָס ווייטער מיר שפּאַנען, טראָט ביי טראָט, און דרינגען אַריין טיפער אין קעניאָן, אַלץ שיינער ווערט איצט פאַרן אויג. פון אונטן פליסט שטיפעריש דאָס וואַסער, יאָגט זיך איבער די שפּיצי־קע לאַוואַ־פעלזן וואָס ליגן אים אין וועג, און פאַרשוואונדן ווייט־ווייט אַוועק.

און פון ביידע זייטן טייך ציען זיך ריזיקע לאַוואַ־בערג, טויז־ענטער און טויזענטער פוס די הויך. און דער קעניאָן איז ביז'ן קאָפּ דורכאויס באַפּוצט מיט בלומען און שיינע גרויסע בלעטער פלאַנצונגען און געדיכטע וועלדער און טויזענטער וואַסערפאַלן לאָזן זיך פון זיי אַרונטער.

דאָס אויג האָט זיך שוין צוגעוואוינט אַרונטערצוקוקן צום אָפּגרונד, און אין קאָפּ שווינדלט שוין ניט מער. די פיס, וואָס האָבן געציטערט אַ טראָט צוטאָן פון אָנפאַנג, באַוועגן זיך שוין איצט ווי

גאנצע העלדן,—שפאנען פעסט און זיכער. און מיר האָבן שוין איצט די מעגלאכקייט גוט באָאבאכטן דעם „קעניאָן" מיט זיינע וואונדער שיינע וואסערפאלן און רעגנבויגנס.

שעה'ן לאנג ווי מיר שפאנען און דאס אויג קען זיך גאָר־ניט אָנזעטיקן מיט די נאטור־שיינע בילדער און מיט דער מוזיק פון די הונדערטע וואסערפאלן, וואָס שפרודלט ארויס, פון פארשיידענע פארבאָרגענע ערטער. יעדער וואסערפאל שטעלט מיט זיך פאָר א באזונדער שיינע ארכיטעקטור, וואָס ציט די אויפמערקזאמקייט, און וועלכע מען קען שטיין און באטראכטן לאנג־לאנג—אן אייביקייט. אָט זעט זיך א שפיץ־בארג מיטן אויסזען פון טורעמלאך, און באַ־פוצט מיט ביימער און גרויסע גיגאנטישע בלעטער מיט אויסגע־שטאָרצעטע אָדערן, און דורך זיי גליטשט זיך ארונטער א דינער וואסערפאל.

און גלייך נעבן אים ליגט זיין שכן, א פליכעוואטער גלאנצי־קער פעלז, דורך וועלכן עס ברומט צום באָדן ארונטער א מעכטיקער וואסערפאל.

אביסל ווייטער א פעלז מיטן אויסזען פון א פעסטונג מיט א פאָר שטאָלצע ביימער, וואָס וואכן, ווי שומרים, און לאָזן דורך זייערן א וואסער־שטראָם.

און אָט אזוי ציען זיך נאָענט איינע נעבן די אנדערע פון ביי־דע זייטן קעניאָן הונדערטער וואסערפאלן פון פארשידענעם אויסזען.

און די זון פארגעסט אויך ניט די „הענעפעפע־פאלס", זי שוועבט איבער די בערג אריבער און דערגרייכט זיי און שיקט זי־ ארונטער אירע גאָלדענע שטראַלן און צענדליקע רעגנבויגנס נעמען זיך גלייך איבערן טייך און איבער די וואסערפאלן אויסשפרייטן. אנדערע שטעלן זיך אויס אין דריי, פיר רייען, אנדערע שפרייזן ארויף, ווי „גייזערס" און ס'דוכט זיך, ווי פון טייך און וואסערפאלן שטראָמען די רעגנבויגנס און „גייזערס" ארויס.

ווער קען זיך עס פאָרשטעלן א מער וואונדער־שיין נאטור־בילד ווי דאָס, וואָס איז געווען פאר אונזערע אויגן. מיר אליין אין דעם קעניאָן. ס'דוכט זיך אז אחוץ אונז זיינען גאָר קיין מענטשן

אויף דער וועלט ניטאָ. נאָר מיר אַליין געפינען זיך ארומגערינגלט מיט אַזאַ וואונדערבאַרער פּאַנאָראַמע.

מיטאָמאָל שניידן דורך די לופט פליענדיקע קרעכצן. מיר ווערן צעטומלט פאר אַ ווײַלע. מיר קוקן זיך ארום און דערזעען אין דער לופטן באוואוסטע פייגל, וואָס לאָזן פון זיך אַלע ווײַלע ארויס אַזאַ קרעכץ ווי פון אַ צוווייטאָגט מענטשלאַך הארץ... און קרעכצן פון פייגל דאָ אויף די הוידנדיקע מולטערס — רופן ארויס עפּעס אַן אומעט אין דער נשמה און אַ מיטגעפיל צו זיי. זייערע קרעכצן זיינען די אורזאַך פון זייער אונטערגאַנג, ווייל ס'איז שוין פון זיי זייער ווייניק פארבליבן.

מיר האָבן איצט געשפּאַנט שנעל איבער די ברעטער פון מול־טער. מיר האָבן געוואָלט שנעלער דערגרייכן די ענדע פון קעניאָן בדי וואָס גיכער צוזען דעם „הענעפּעפּע־פּאַל" וואָס האָט אַזוי פיל שיינע וואַסערפאַלן געשאַפן, איידער ס'וועט ווערן פינסטער, ווייל דער טאָג האָט שוין געהאַלטן באַלד ביים פארשווינדן, און ביינאַכט האָבן מיר געוויס ניט געוואָלט פארטזעצן דעם „הייק" איבער דער מולטער.

מיטאָמאָל איז די מולטער פארשוואונדן. פאַר אונז איז אויס־געוואָקסן דאָס מויל פון אַ דיקער רער, וואָס האָט זיך באַהאַלטן אין די בערג. מיר זיינען געבליבן שטיין און ניט געקענט ווייטער גיין. וואָס טוט מען איצט? מיר האָבן געוואוסט, אַז מיר דארפן שוין זיין ניט ווייט פון „הענעפּעפּע־וואַסערפאַל", ביים ענדע פון קעניאָן, אפשר נאָך אַ פּאָר שעה גאַנג. מיר באשליסן פאָרטצוזעצן דעם וועג און הויבן אָן זיך ארונטערצודראַפּן צום באָדן פון קעניאָן, כדי אויסצוגעפינען אפשר וועלן מיר איצט קענען אַזוי ארום גיין. מיר האַלטן זיך פעסט אָן די פעלזן, פארטשעפּן די באַנעגלטע שטיוול אין די ביימער און פלאַנצונגען און לאָזן זיך אַלץ נידריקער צום באָדן ארונטער.

מיטאָמאָל האָבן מיר דערגרייכט אַ שטורמדיקן וואַסערפאַל, וועלכער האָט אונז איצט אינגאַנצן דעם וועג פארשטעלט. וואָס טוט מען? ווי אַזוי „הייקט" מען איבער אים אריבער? קיין אַנ־

דער וועג איז ניטאָ, אויב מיר ווילן פאָרטזעצן אונזער וועג ביז'ן סוף פון קעניאָן.

א פעלז האט דער מעכטיקער וואסערפאַל פון זיין הויך אראפּ־געקוליעט און פאַר'עקשנ'ט האט דער פעלז זיך אין וואסערפאַל אריינגראָבן און לאָזט זיך ניט פון אָרט רירן. און אָט ביי דעם פאַר'עקשנ'טן פעלז האָבן מיר באשלאָסן בעטן הילף, אז ער זאָל אונז ערלויבן אָנשפּארן זיך אָן אים כדי מיר זאָלן קענען גובר זיין דעם וואסערפאַל, וואָס לאָזט אונז ווייטער ניט גיין.

איינער פון אונז בינדט זיך ארום מיט א שטריק, שפּאַרט זיך אָן א פעלז, גראָבט איין די באַנעגלטע שיך אָן דער ערד, גרייט איינצוהאַלטן דעם, וואָס וועט מאכן דעם שפּרונג. און באַלד טאַקע גיט איינער פון אונז א שפּרונג צום פעלז, און ס'גליקט אים טאַקע דעם פעלז צו דערגרייכן. דער צווייטער טוט דאָסזעלבע און מיר זיינען שוין ביידע אויפן פעלז.

עס נעמט ניט לאַנג ווי איינער פון אונז שפּרינגט אריבער דעם האַלבן וואסערפאַל, דאָסזעלבע טוט דער צווייטער—און מיר זיינען געראַטעוועט.

מיר פרייען זיך דערמיט וואָס מיר זיינען ארויס מיט גאַנצע ביינער. אמת, דער וואסערפאַל האָט אונז געגעבן א קאַלטן שפּריץ; מיר האָבן זיך אויך צומזיק'ט אָן פעלז—אָבער דאָס רעכנט זיך ניט: מען דאַרף דאָך מיט עפּעס באַצאָלן—און מיר זעצן ווייטער פאָר דעם „הייק".

דער וועג איז איצט שוין אביסל לייכטער, דוכט זיך אונז. נאָר ס'נעמט ניט לאַנג ווי דער וועג ווערט ווידער פארשטעלט מיט א וואַנט. מיר קריכן די וואַנט אריבער און מיר דאַרפן זיך איצט אויפּ־סניי צום באָדן פון קעניאָן אַרונטערלאָזן. ווי נאָר מיר דראַפּן זיך אויף די פעלזן ארויף, מיטאַמאָל דערהערן מיר שטאַרקע קלעפּ און דער עכאָ פון די קלעפּ צוטראָגט זיך ווייט־ווייט אַוועק, איבער די לאַווא־בערג און טאָלן.

מיר בלייבן שטיין ווי צוגעשמידטע צום פּלאַץ. וואָס זיינען דאָס פאַר אַ קלעפּ ? פון וואַנען קומען זיי ? ווער געפינט זיך דאָס

דאָ אין דעם דערטרונקענעם קעניאָן? זיינען דאָ אויך פאַראַן מענטשן? אָדער אפשר דוכט זיך דאָס אונז? מיר הויבן זיך אָן אַראָפּצולאָזן נידריקער צום קעניאָן. די קלעפּ דערהערן זיך נאָך שטאַרקער. מיט אַן איינגעהאַלטענעם אָטעם האָבן מיר שנעל דעם באָדן דערגרייכט און גענומען שנעל און פּאָרזיכטיק דערנענטערן זיך צום פּלאַץ פון וואַנען די שטאַרקע קלעפּ האָבן זיך געהערט.

מיטאַמאָל האָבן מיר דערזען אַ גרופּע נאַקעטע מענטשן, וואָס האָבן אין זייערע הענט געהאַלטן אַן עלעקטרישן שטראָם פּייער מיט וועלכן זיי האָבן געבויערט די פאַרהאַרטעוועטע לאַווע־בערג. מיר זיינען געבליבן שטיין, ווי היפּנאָטיזירט, ס׳האָט זיך בשום אופן ניט געוואָלט גלויבן, אַז מיר זעען דאָס אין דער ווירקלאַכקייט. עס האָט זיך אונז געדוכט, אַז מיר געפינען זיך איצט אין אַ פאַר׳כישופ׳טן קעניאָן.

ווען זיי האָבן אונז דערזען זיינען זיי אויך דערשראָקן געוואָרן און געבליבן שטיין מיט פאַרוואונדערטע אויגן און אָפענע מיילער, אומבאַוועגלאַך.

מיר האָבן זיך פריינדלאַך באַגריסט און זיי האָבן אונז געפרעגט וואָס מיר טוען דאָ, ווי אַזוי האָבן מיר געקענט דערגרייכן דעם פּלאַץ אין דער צייט פון יאָר, ווען דער גאַנצער קעניאָן איז פאַרטרונקען?

מיר האָבן זיי געפרעגט וואָס זיי טוען דאָ און דער „פּאָרמאַן" איבער דער גרופּע פיליפּינער־אַרבעטער, אַן אַמעריקאַנער אינזשעניר, שוין אַן עלטערער מענטש, האָט אונז דערקלערט, אַז ער אַרבעט שוין אין דעם קעניאָן 23 יאָר. ער האָט זיך אונטערגענומען דורכצוציען רערן דורך די לאַווע־בערג ביז צו דער צוקער־פאַבריק, כדי דער באַוואוסטער „הענעפּעפּע־פּאָל" זאָל די צוקער פאַבריקן מיט וואַסער באַזאָרגן. און ס׳איז שוין 23 יאָר ווי ער מיט אַ גרופּע פיליפּינער אַרבעטער אַרבעטן דאָ...

מיר האָבן זיך געאיילט צוצוקומען צום ענדע פון קעניאָן, ווייל עס האָט שוין גענומען ווערן פינסטער. און די גאַסטפריינדלאַכקייט, וואָס דער אינזשעניר האָט אונז אַרויסגעוויזן איינלאַדנדיק

אונז צו האָבן מיט זיי וועטשערע און נאכט־לעגער, האָבן מיר אָפּ־געלייגט אויף שפּעטער. און מיר האָבן ווייטער זיך ארויפגעדראַפּעט אויף א מולטער, וואָס האָט זיך פון דאַנען אָנגעפאַנגען און אין גיכן האָבן מיר דערהערט א מורא׳דיקן רויש. ווען מיר האָבן זיך דער־נעענטערט נאָנט צום סוף פון קעניאָן, האָבן מיר דערזען דעם מעכ־טיקסטן פון די מעכטיקסטע וואַסערפאַלן דאָ אין דעם קעניאָן.

איבער דער גאַנצער ברייט פון קעניאָן האָט זיך די דער „העגע־פּעפּע פאַל" צעשפּרייט ווי א מעכטיקער פרייער וואַסער־שטראָם, וואָס האָט זיך מיט קיין זאַך ניט געלאָזט פאַרצאַמען. און ווי א ברייטער טייך איז ער פון טויזענטער פוס די הויך צום באָדן מיט שטורם אראָפּגעזונקן און פאַרטרונקן און אָנגעטרונקן די טויזענטער וואַסערפאַלן אין דעם טיפן פון די טיפסטע קעניאָנס אויף די האַוואַי אינזלען.

דער קאַקטוס־באַרג, וואָס געפינט זיך ניט ווייט פון „וואַימעאַ", איז איינער פון די וואונדערבאַרסטע קאַקטוס־בערג, וואָס איז שווער צו געפינען ערגעץ אַנדערש־וואו. ער איז דער איינציקער קאַקטוס־באַרג וואָס מען זעט אויף די האַוואַי־אינזלען, פונקט ווי די נאַטור וואָלט אָט דעם באַרג אויסדערוויילט פאַר זיין שענסטן און רייכסטן קאַקטוס־גאָרטן אין דער וועלט, ווייל יעדער מין פון דער קאַקטוס־פאַמיליע, וואָס איז נאָר פאַראַן אויף דער וועלט, געפינט זיך דאָ.

ווען מיר האָבן אָנגעפאַנגען קריכן אַף דעם קאַקטוס־באַרג ווע־מעם הויך דערגרייכט עטלאַכע טויזנט פוס און וועלכער ציט זיך אוועק פאַר מיילן און מיילן ווייט, האָבן מיר שוין גוט געוואוסט, וואָס עס מיינט הייקן אַף א קאַקטוס־באַרג. מיט אים קען מען גאָר ניט מאַכן. די קאַקטוס׳ן, וואָס באַוואוינען דעם גאַנצן באַרג, זיינען זייער ניט גאַסטפריינדלאַך. ווילסטו זיי באַגריסן און געבן זיי שלום־עליכם, באַקומסטו גלייך אַן ענטפער מיט אַזוינע שטעכלקעס, אַז דו וועסט שוין פאַרזאָגן א צענטען. מען מוז אַרום זיי אַרומגיין ווי אַרום א קראַנקן: זייער פאַרזיכטיק, ניט אָנרירן זיי, פאַרבייגיין אַף די שפּיץ פינגער... און ס׳איז שוין גאָר ניט קיין מאכל אַף א

קאַקטוס־באַרג שפּאַציערן. נאָר דער פאַרלאַנג איז שטאַרק, ס׳גלוסט זיך דאָך פאָרט זען. האָבן מיר באַשלאָסן צו הייקן אַף אים, זיך ניט אונטערגעבן, בייקומען אים און אריינדרינגען אין זיינע געדערים, כדי אויסצוגעפינען, וואָס עס טוט זיך דאָרט.

מיר האָבן אונזערע הייקינג־טאָרבעס געלאָזט באַם פוס פון באַרג, זיך באַזאָרגט מיט וואַסער און מיט שטעקענעס, אָנגעטאָן די לעדערנע הענטשקעס אַף די הענט, זיי זאָלן זיין געשיצט פון שטעכלקעס, און מיר האָבן זיך גענומען דראַפּען אַפן קאַקטוס־באַרג...

פאָרזיכטיק מיט יעדן שפּאַן, זוכנדיג אַף יעדן טראָט אַ שטעכע־דיקען קוסט אויסצומיידן, האָבן מיר געשיקט אין פאָראויס אונזער שפּיציק שטאַרקן שטעקן, ער זאָל זיך אין דער ערד באַפעסטיקן. ווען מיר האָבן זיך שוין געקענט אַף אים פאַרלאָזן, האָבן מיר זיך אָן אים אָנגעשפּאַרט און העכער זיך געדראַפּעט. איינציקע יונגינקע קאַקטוס־קוסטן האָבן מיר צו הילף גענומען און אונזערע באַנעגלטע שטיבל האָבן זיך אָן זיי אָנגעשפּאַרט, כדי נישט אַרונטער קייקלען זיך פון קאַקטוס־באַרג. נאָר ווי יונג זיי זיינען געווען, האָבן זיי דאָך אונז ניט ערלויבט אָן זיי אָנשפּאַרן. ניט קענעדיק אונז מכבד זיין מיט זייערע זיך נאָר אַראָפּגעקייקלט צום באָדן און קליינע, שטעכעדיקע נאָדלען, האָבן זיי געדראָט אונזערע פיס מיט זיי מיטצו־שלעפּן.

אָט אַזוי פאַר׳עקשנ׳ט, נאָך איינציקע שעה קריכן, האָבן מיר דערגרייכט דעם שפּיץ פון קאַקטוס־באַרג...

מיר האָבן זיך איצט אָפּגערוט און גענומען פּאַמעלאַך טיפער אַריינדרינגען אין דער קאַקטוס אויסשטעלונג.

גאַנצע שורות מיט הויכע גרינע קאַקטוס־ביימער האָבן זיך גע־צויגען אין געפלאָכטענע רייען, וואָס האָבן געהאַט דעם אויסזען פון פאַרפלאָכטענע הירשען־הערנער, דורכאויס באַוואַפנט מיט געדיכטע נאָדלען אַף אַ לאַנגער שטרעקע, מאַכן זיי דעם איינדרוק, ווי זיי וואָל־טן זיך אַלע אויסגעשטעלט ווי סאָלדאַטן מיט שפּיזן פאָראויס, גרייט אימיצן צו אַטאַקירן.

באַלד האָבן מיר דערזען דעם הונדערט־יעריקן קיילאַכדיקן קאַק־

טוס־קוסט וועלכער איז דורכאויס מיט נאָדלען אָנגעפּיקעוועט.

מיר גייען ווייטער און באַלד דערזעען מיר אַ שיינעם קאַקטוס־בוים. פון זיין נידריקן גוף האָבן זיך פיל צווייגן אין דערהויך גע־צויגען. די צווייגן זעען אויס ווי דיקע, גרינע אורגעקערס, צוזאַמענ־געשטוקעוועט איינע מיט דער אַנדערע און איבער דער גאַנצער הויך זייערע זיינען אָנגעזעצט שורות מיט געדיכטע נאָדלען, וואָס קוקן אויס ווי די ציין פון קראָקאָדילן.

אביסל ווייטער פון זיי ליגן צענדליקע קופּקעס קאַקטוס־קוסטן באַדעקט מיט אַ גריינער שטעכעדיקער הויט. אַ געדיכטער צווייג מיט קאַקטוסעס מאַכט דעם איינדרוק פון אָנגעוואָרפענע גרינע טייג־לאַך, וואָס ליגן איינס לעבן ס'אַנדערע אין די צענדליקער און אין די הונדערטער. פון באָדן ביז זיין קליינעם געוויקסיקן קאָפּ, איז ער אין רויטע פורפור קאָליר בלומען איינגעטונקט, וואָס רייצען דאָס אויג אז מען קען זיך גאָר ניט אָפּרייסן פון זיי.

אָט וואָרפט זיך פאַרן אויג איינצעלנע שטאָלצע ווי געקאַרבטע קאַקטוס־סלופּעס באַפּוצט מיט אַ גרינעם מאָך, און שטעכיקע צוויי־געלאַך הייגען פון זיי אַראָפּ.

וואָס מער מיר דרינגען אריין אין דעם קאַקטוס־באַרג טרעפן מיר אָן אַלץ שענערע, אינטערעסאַנטערע קאַקטוס־קוסטן און פלאַנ־צונגען פון דער קאַקטוס־פאַמיליע און דאָס אויג קען זיך גאָר ניט אָפּרייסן פון זייערע שיינעם אויסזען און וואונדערלאַך רייכע קאָלירן.

פילע פון די קאַקטוס־בוימער קוקן אויס ווי גרינע פלאַטשיגע טייגלאַך מיט מאָך באַדעקט, און אַנדערע פון זיי זיינען אָנגעוואָרפן איינע אף דער אַנדערע און האַלטן זיך אָן אין זייערע יונגינקע דינע קליינע פיסלאַך. ס'מאַכט דעם איינדרוק, ווי אין אַ צירק, וואו קאָ־מעדיאַנטן, קריכען איינער איבערן אַנדערן מיט די פיס אף די אַקסלען, קאָפּ אף קאָפּ, צענויפגעפלאָכטן און איבערגעקנאָטן... אָט אזוי קוקן אויס אייניקע קאַקטוס־בוימער.

ווען מיר האָבן זיך גענומען אַרונטערלאָזן פון דעם קאַקטוס־באַרג, האָט די זון אויך געהאַלטן אין פאַרלאָזן דעם קאַקטוס־באַרג,

און אזוי ווי אַנגעצונדענע האָבן איצט די קאַקטוסן אויסגעזען, און די וויין־קאָלירטע בלימעלאַך, וואָס האָבן אייניקע קאַקטוס בוימער באַצירט זיינען געווען איינגעטונקען אין גינגאָלד, און מיר האָבן פון זיי די אויגן ניט געקענט אָפּרייסן.

ווען מיר האָבן דעם באָדן דערגרייכט האָט שוין די טונקעלע האַוואַאי־נאַכט, מיט אירע מיליאָנען גרויסע פינקעלדיקע שטערן, וועלכע מען קען נאָר דאָ זען, דעם קאַקטוס־באַרג אין טונקעלעם שלייער איינגעהילט.

* * *

„אַלאַקעלע קעניאָן".

„אַלאַקעלע קעניאָן" איז איינער פון די שיינע קעניאָנס אויף דעם אינזל. אין דעם טאָג „הייק", וואָס האָט אונז גענומען אים דורכצושפּאַצירן, האָבן מיר קיין שוועריקייטן און געפאר ניט דורכגעמאַכט.

נאָכדעם ווי מיר האָבן פאר מיילן לאַנג דורכגעהייקט דורך אַ „שאָרט קאַט" די לאַנגע פעלדער וואָס ציען זיך פאר מיילן ווייט איידער מען דערגרייכט אים האָבן מיר זיך דערנענטערט צו אַ טייך. מיר האָבן גענומען גיין באַם ברעג און מיר זיינען באַלד אריינגעדרונגען אין דעם „אַלאַקעלע קעניאָן".

אַ קלאָר, פליסענדער טייך שטראָמט ארויס פון זיין באַהעלטעניש אויף די פאַרדרייטע וועגן פון דעם קעניאָן און טראָגט זיך ווייט־ווייט אוועק ווי ווייט נאָר דאָס אויג קען אָנזען.

פון ביידע זייטן פון טייך באַשיצן אים די טיפע קעניאָן בערג, וואָס ציען זיך אוועק מיילן ווייט.

די זון שיקט אירע גאָלדענע שטראַלן אראָפּ און זיי באָדן זיך אין דעם קלאָרן וואַסער וואָס מאַכט אים נאָך שענער אויסזען.

אַ קילער ווינטל דעריאָגט אונז און קילט אונזערע פאַרשוויצטע קערפּערס. מיר גייען דעם קאָפּ פאַררייסן און באַטראַכטן דעם וואונדער־שיינעם „קעניאָן". דאָ אין דעם „אַלאַקעלע" אָפּגרונט האָט די נאַטור געשאַפן נאָר אַן אַנדער שיינקייט, וואָס אין „הענעפּעפּע פאָל" האָבן מיר אַזוינס גאָר ניט געזען.

אָט ציען זיך בערג־שפּיצן פון פאַרשידענעם אויסזען, פונקט ווי קינסטלער וואָלטן יעדן באַזונדער אַנדערש געשאַפן.

אָט איז אַ באַרג אינגאַנצן באַצירט מיט געדיכטע בלעטער און

אַף זיין קאָפּ שטייט אַ קליין בוימעלע איינער אַליין. באַלד קומט זיין שכן מיט אַ געדיכטן וואַלד באַדעקט. און פול מיט פייגל־נעסטן. און די געזאַנגען פון די פייגל צעטראָגן זיך ווייט־ווייט אַוועק.

און ווען זיי, די קליינע האַוואַיען־פייגעלאַך מיט זייערע גאָלדענע פעדערן צעיאָגן זיך איבערן קעניאָן, זעען זיי אויס ווי שייניקע שמעטערלינגס...

מיר דרייען זיך ווייטער. איך זאָג מיר דרייען זיך, ווייל דער קעניאָן איז זייער אַ פאַרדרייטער. און מיר דערזעען דעם „האָטע־ראַס־פּאָל", וואָס לאָזט זיך אַרונטער אַף אַן אויסגעבעטן, געשליפענעם, שטיינערנעם באָדן, און באַלד דערזעען מיר ווי אַ פעלז שטעקט פון דער הויך פון באַרג אַרויס, וואָס האָט דעם אויסזען פון אַ מענטש.

ס'איז שוין געווען מיטאָג־צייט, ווען מיר זיינען צוגעקומען צום קעניאָן, וואָס איז געווען דער לעצטער נאַטור־וואונדער אַנצוקוקן דאָ אַפן אינזל. דעם זעלבן פאַרנאַכט האָבן מיר שוין געדאַרפט אָפּפאָרן, האָבן מיר באַשלאָסן זיך דאָ אַביסל אָפּצורוען. מיר האָבן צעלייגט אַ פייער און גענומען קאָכן אָנבייסן.

מיר זיינען אַרונטער צום קלאָרן טייך, זיך אויסגעבאָדן, אויסגעוואַשן אונזערע קליידער, זיי אויסגעהאַנגען אַף די לאַווא פעלזן אויסצוטריקענען, און מיר האָבן דערווייל אָפּגעגעסן און געכאַפּט אַ גוטן דרעמל אונטער דעם גאָלדענעם פורפורנעם „מייַנגאָ־בוים".

פאַרנאַכט דער קעניאָן ווערט טונקעלער און טונקעלער. גרויע וואָלקענס יאָגן זיך צום קעניאָן און האַלטן אים אין איין באַדעקן...

אָנגעצונדענע וואָלקנדלאַך פון דער פייערדיקער שקיעה שוועבן איבער די בערג און לאָזן זיך אויך אין טאָל אַרונטער. יעדן אויגנבליק פאַרשווינדט אַלץ מער און טיפער דער קעניאָן מיט זיין קלאָרן פליסנדיקן טייך און מיט זיינע בוימעלאַך אין די גרויע און אָנגעצונדענע וואָלקנס ביז דער גאַנצער „אַלאַקעלע קעניאָן" ווערט פאַרוואַנדלט אין אַ שטיק טונקעלן, גרויען וואָלקן.

די נאַכט האָט שוין אין פאַרשווינדען, און דער צעבייזערטער ים, וואָס האָט די גאַנצע נאַכט קיינעם פון שיף ניט געלאָזט שלאָפן,

און האָט געדראָט אַלעמען אין זיין טיפעניש צו באַהאַלטן האָט זיך מיטן אָנקומען פון טאָג אַביסל בארואיקט.

און וואָס נענטער די שיף איז צוגעקומען צום אינזל „האָנאָלולו", אַלץ רואיקער איז דער ים געוואָרן, און אונז געגעבן די מעגלאַכקייט ארויסצוגיין אַפן דעק און זען דעם זון־אויפגאַנג...

ווייט־ווייט, דוכט זיך, וואו הימל און ים קומען זיך צוזאַמען, האָט דער הימל די טונקעלע קליידער פון דער נאַכט פון זיך אַראָפּגעוואָרפן, און גענומען זיך פּוצן אין רויטע פּורפּור־קאָלירן. אַלע ווײַלע האָט זי אירע קאָלירן געביטן און זיך געהאַלטן אין איין שפּיגלען אין דעם איצטער רואיקן ים, און ס׳האָט אויסגעזען ווי דער גאַנצער ריזיקער ים איז דעקאָרירט פון פאַרשידענע פאַרבן.

און די גרויע פאַרטאָגיקע וואָלקנס האָבן זיך אויך גענומען אין רויט אויספּוצן, און אין הימל זיך אויסשפּרייטן, און דער גאַנצער הימל און ים איז איצט געוואָרן אין פאַרבן־שפּיל איינגעטונקט...

און באַם זוים פון שטילן ים, באַם ברעג פון „האָנאָלולו", איבער די שיינע „טאַנטאַלוס בערג" האָבן זיך גרויע געדיכטע וואָלקנס געיאָגט איינער נאָכן צווייטן און צום ים זיך דערנענטערט, און געטוליעט זיך אייגנע צו די אַנדערע.

אַזוי האָבן זיי זיך געהאַלטן אין איין פאַרמערן אין דער ברייט און אין דער הויך. און באַלד האָבן זיי פון זיך באַשאַפן אַ ריזיקע פאַנטאַסטישע פיגור קעגן דעם זון־אויפגאַנג. און וואָס אַמאָל אַלץ שענער און שענער איז די גיגאַנטישע וואָלקן־סטאַטוע געוואַקסן און ריזיקער געוואָרן.

באַלד האָבן זיך צענדליקער רעגנבויגנס באַוויזן און אין איר זיך איינגעפלאָכטן. און די גיגאַנטישע וואָלקן־פיגור, מיט איר וואונדערבאַרער לייכטענדיקער רעגנבויגן־פאַרבן־שפּיל, האָט אויסגעזען צו זיין אַזוי פאַנטאַסטיש און אומגלויבלאַך ווי אַ שיינער טרוים. עס האָט זיך בשום אופן נישט געגלויבט, אַז אַזאַ זאַך קען פאָרקומען אין דער ווירקלאַכקייט ביים זונען־אויפגאַנג לעבן ברעג פון פּאַציפישן ים אויף די האַוואַי אינזלען...

און מיט אמאָל איז דער גאַנצער הימל און ים אין הע‍לישע פלאַמען פאַרוואַנדלט געוואָרן און ווייט־ווייט ווי פון הינטער׳ן ים, האָט א סנאָפּ פון בונטע שטראַלן גענומען שימערירן, וואָס אמאָל שטאַרקער און ליכטיקער, און הינטער זיי האָט א רונד שטיק פייער פון ים גענומען ארויסקריכן, וואָס אמאָל העכער, ביז ס׳איז ארויפ־געשוואומען אויפ׳ן הימל און האָט זיך אוועקגעשטעלט אין זיין פולער רויטער פייערדיקייט און לויכטן און וואַרימען יעדע לעבעדיקע באַ־שעפעניש.

נאָך דעם ווי דאָס האַרץ איז געווען אזוי דערפרייט פון ביי־וואוינען אזא אומפאַרגעסלאַכן, פאַנטאַסטישן זון־אויפגאַנג, וואָס קיין מענטשלאַכע פאַנטאַזיע קען זיך דאָס גאָר ניט פאָרשטעלן ביז מען זעט דאָס אליין ניט אין דער ווירקלאַכקייט, האָט זיך איצט געגלוסט ווייטער זיין ארומגערינגלט מיט דער נאַטור־שיינקייט כדי די שטי־מונג זאָל ניט פאַרשווינדן...

מיר האָבן גלייך ביים אראָפּגיין פון שיף אָנגעקויפט שפּייז, און מיר זיינען גלייך אוועק פאַר א „הייק" איבער׳ן באַרג „טאַנטאַ־לוס".

די לעגענדע דערציילט, אז דער גאָט טאַנטאַלוס, וואָס באַשאַפט רעגן, נאָך וועמען דער באַרג טראָגט זיין נאָמען, וואוינט אויף זיין שפּיץ, וואָס ליגט לעבן ים און פון דאָרטן שיקט ער ארוים אויף דער וועלט רעגן ווען נאָר ער וויל.

און אויף דעם באַרג רעגנט טאַקע שטענדיק...

ווען מיר האָבן שוין אריינגעדרונגען טיף אין דעם „טאַנטאַלוס" באַרג האָבן מיר זיך באַלד איבערצייגט, אז ס׳איז ניט אזוי לייכט אויף אים ארויפצוזהייקן, ס׳האָט זיך אונז באַלד געוואָלט גלויבן, אז די לעגענדע פון די ווילדע איז אמת... אָט יאָגן זיך גרויע וואָלקנס פאַרביי אונז, פאַרשטעלן פאַר א ווײַלע די זון, און זיי הויבן אונז אָן באַגיסן מיט א מבול.

ווען זיי ווערן מיד, פאַרשווינדן זיי גלייך. די זון שיקט גלייך אירע שטראַלן צו אונז אראָפּ, טרינקט אונז אביסל אָפּ. און באַלד ווייטער די זעלבע חתונה. גרויע וואָלקנס באַדעקן אונז און הויבן

WORKERS COOPERATIVE
L[illegible]
270[illegible]

אונז ווייטער אָן באַגיסן, פונקט ווי דער וואסער־גאָט וויל אונז צו זיך ניט צולאָזן, און מיט שטאַרמען רעגן וויל ער אונז פון זיך פאַרטרייבן...

אָבער ער מאכט א טעות. מיר זיינען פאַר׳עקשנ׳ט און שפּאַ־נען אַלץ העכער און העכער צו זיין שפּיץ.

דער וועג איז א שווערער, קיין סטעזשקע איז ניטאָ. עפּעס איז יאָ פאַראַן אָן אַלט, שמאָל שטעגל, וואָס אמאָל מיט צענדליקער אָדער הונדערטער יאָרן צוריק האָבן דאָ די איינוואוינער געמאַכט, נאָר פאַר דער צייט וואָס מען האָט עס ניט באַנוצט, האָבן עס די רעגנס שטיקערווייז אָפּגעשווענקט, און טיפע גריבער געמאַכט. און פלאַנ־צונגען האָבן זיך איבער זיי אויסגעשפּרייט און מיר האָבן גע־מוזט זיין זייער פאַרזיכטיק מיט יעדן טראָט. דערפאַר אָבער איז געווען זייער אינטערעסאַנט צו באַאָבאַכטן די פאַרשיידענע שיינע פלאַנצונגען און בלומען, וואָס האָבן אַלץ באַדעקט, און די קליינינקע ברעקעלאַך „שעלס“, ווייסע ווי שניי, וואָס האָבן די גרינע בלעטער באַפּוצט. ס׳האָט זיך ניט געוואָלט גלויבן, אַז מען זעט דאָ אויף דעם „טאַנטאַלוס באַרג“ אויף די בלעטער פון די צווייגן אַזוי פיל „שעלס“. ס׳האָט זיך געדוכט, אַז מען זעט דאָס אויפ׳ן גרונט פון ים...

ווען מיר זיינען נאָך פולע שעה׳ן „הייקן“ צוגעקומען צום „גאָט־טאַנטאַלוס“ האָט א מבול רעגן פאַר א שטיק צייט געהאַלטן אונז אין איין פאַרפלייצן און א געדיכטער נעבל איז געלעגן איבער אים און איינגעהילט אַלץ אַרום.

נאָר די זון איז אונז געקומען צו הילף, זי האָט דעם נעבל פאַר־טריבן און אָפּגעשטעלט דעם רעגן. זי האָט צו אונז אַראָפּגעשיקט אירע ווארימע שטראַלן און אונז גענומען אָפּטריקענען. און דער בלויער הימל איז געווען מיט ווייסע, שטיפערישע וואָלקנס באַדעקט. און דאָ פון דעם באַרג אַראָפּ, פון זיין טויזנטער פוס די הויך, קוקנדיק ווייט־ווייט פאַראויס, האָט מען געקענט זען פון איין זייט דעם ים, וואָס איז איצט געווען מיט פיל רעגנבויגנס באַצירט און פון דער אַנדערער זייט באַרג האָט זיך אַנטפּלעקט א פּאַנאָראַמע פון דער שיינער שטאָט האָנאָלולו, וואָס איז איינגעטונקט אין בלומען־גער־

טנער און אין פארשיידענע טראָפּישע פלאַנצונגען, ארומגערינגלט פון דעם באוואוסטן שיינעם „וואַיקיקי טייך". וועמעס ברעג איז דורכ־אוים באדעקט מיט קלאָר זאמד, וואָס איז אויף די אינזלען א גרויסע זעלטנהייט. אראָפּקוקנדיק פון דאנען האָבן מיר געזען איינע פון די שענסטע בילדער וואָס קריצן זיך איין אין זכרון אויף אייביק.

* * *

דער „פאלי"-בארג.

דער „פאלי" בארג איז דאס פלאץ, וואו דער גאט פון די ווינטן געפינט זיך. אט אויף דעם בארג זיצט דער גאט „פאלי" און שיקט ארויס ווינטן און שטורמווינטן אויף דער ערד און אין די מדבריות און אויפ'ן ים. אזוי וויל די לעגענדע...

גייענדיק זיך באקענען מיט'ן גאט פון די ווינטן, האבן מיר שוין פאר איינס באשלאסן צו זען דעם „קאראל-גארטן", וואס געפינט זיך אויפ'ן גרונט פון ים. און אויך באזוכן דעם קבר פון לעצטן פרינץ פון די האוואי אינזלען, וואס איז דא מיט איניקע חדשים צוריק געשטארבן...

א שטארקער אייזערנער צאם רינגלט ארום א גרויסע שטיק לאנד, באוואקסן מיט פאלמען, מינגא־בוימער און פיל שיינע בלומען. צווישן זיי געפינט זיך א ווייסער מארמארנער קבר און אין אים רוט א ווייסע מארמאר־טרונע. (וואס איז דער סימבאל פון טרויער בא די האוואיער).

דער ווייסער קבר איז באדעקט מיט קראנצן געמאכט פון פעדערן, וואס האבן א מערקווירדיקן גלאנץ און וועלכע זיינען אומשעצבאר. פאר הונדערטער און אפשר טויזנטער יארן איז דאס געווען דער זאמלונג־פלאץ פון די האוואישע קעניגן. פילע העלדישע בערג־שטייגער פלעגן זייער גאנצן לעבן פארברייינגען קלעטערנדיק אויף די העכסטע בערג, וואו ס'געפינען זיך די נעסטן פון די קלייניקע האוואיען פויגלען, וואס באזיצן בלויז צו איינציקע שיינע פעדערן. זיי פלעגן די פויגלען פאנגען, אויסרייסן בא זיי די איינציקע פעדערן און זיי צוריק אפגעלאזן, אז אנדערע פעדערן זאלן אף זיי אנוואקסן. און אט פון די דאזיקע פעדערן פלעגן געמאכט ווערן פארשיידענע באפוצונגען פאר די קעניגען. אויך זייערע שטעקנס זיינען געווען מיט די פעדערן באדעקט. מיט דיזעלבע טייערע

פעדערן איז אויך די ווייסע טרונע באדעקט און שומרים באוואכן דעם קבר טאָג און נאכט. זיי באוואכן דעם לעצטן טויטן פרינץ און אלע קעניגן, וואָס רוען דאָרטן, ווייל מער קיין קעניגן וועלן שוין, ווי עס ווייזט אויס, דאָרט ניט זיין, זינט אמעריקע האָט דערקלערט די האוואַי־אינזלען אלס איינע פון אירע טעריטאָריעס.

* * *

קעניגין עמא׳ס פאלאצן.

ניט ווייט פון דאנעט געפינט זיך דער געוועזענער קעניגין עמא׳ס פאלאצן. איין פאלאץ איז געמאכט פון געפלאכטענער שטרוי די גרויס פון איין חדר. די ווענט זיינען באהאנגען מיט שיינע זאכן, געמאכט פון די באוואוסטע, שיינע פעדערן פון די האוואישע קליינע פייגעלאך. אויך געפינט זיך דארט פיל־קאלירטע פאטשערקעס, ים־שיסעלאך און אריגינעלע פרימיטיווע ארכיטעקטור ארבעטן, וואס דערמאנען אייך אן יענער ניט־לאנג פארגאנגענער צייט, ווען די איינוואוינער צוזאמען מיט זייערע קעניגן און קעניגנס האבן אזוי איינפאך געלעבט, איידער זיי האבן די ווייסע דערקענט. און אט לעבן דעם דאזיקן שטרייענעם פאלאץ שטייט אן אנדער פאלאץ, געבויט פון ווייסן מאמאר לויטן ענגלישן סטיל. אינווייניק געפינען זיך טייערע מעבל, בילדער, סטאטועס געבראכט פון ענגלאנד. דאס האבן די ערשטע ערוועקבער פון דעם אינזל. די ענגלענדער, גע־לערנט די קעניגען אין וואס פאר א פאלאצן מען דארף וואוינען...

ווען מיר האבן די פאלאצן פארלאזן און גענומען גיין בארג ארויף צו דעם „פאלי“ צו, האבן מיר דערזען, ווי פוןביידע זייטן וועג ציען זיך וועלדער מיט בוימער און פון זיי האבן צענדליקער טויזנטער צווייגן זיך צוזאמענגעפלאכטן און אין דער ערד אריינ־געגראבן און עס איז אוממעגלאך דורך זיי זיך דורכצושפארן זיך.

ווען מיר האבן דערגרייכט די הויך פון אייניקע טויזנטער פיס און זיך דערנענטערט צום גרויסן אפענעם טאל, וואו דער גאט „פאלי“ געפינט זיך, האבן זיך מורא׳דיקע שטורמווינטן צעבושעוועט און זיך גענומען יאגן אויף אונז. מיר האבן באלד דערפילט, אז מיר זיינען טאקע אויף אן אמת אין דער שליטה פון דעם גאט פון די ווינטן. וואס נענטער מיר זיינען צו אים צוגעקומען, אלץ שטארקער האבן

אונז דיווינטן אַף צוריק געטריבן און געדראָעט אונז צו פאַרטראָגן אַהין, וואו קיינער וועט אונזער געביין נישט קענען געפינען.

מיר האָבן זיך אין דעם אייזערנעם שטאַנג, וואָס איז אין דעם באַרג איינגעשמידט, מיטביידע הענט צוגעהאַלטן און פאַרטגעזעצט אונזער וועג נענטער צו דעם „פּאַלי" צו. האָבן אונז ווינטן אין דער לופטן אויפגעהויבן, אַז ס'האָט זיך געדאַכט, אַז אַ שרעקלאַכער „ים־ציקלאָן" ווינט איז דאָ אָנגעלאָפן און וויל אונז אין ים פאַר־טראָגן.

מיט אַלע כוחות האָבן מיר זיך אָן דעם אייזערנעם שטאַנג אָנ־געהאַלטן ביז מיר האָבן דערגרייכט דעם „פּאַלי".

אַ גרויסער טיפער אָפּגרונט קוקט פון הינטן צו דעם „פּאַלי" אַרויף. רעכטס צו שטורעמט דער ים, און ווינטן פון די בערג, טאָלן און ים האָבן אַ פרייען וועג דאָ דורך דעם גרויסן אָפענעם באַרג דורכצושוועבן אין זייער וואַנדער־וועג... ווען מען קוקט אַרונטער ווייט אַוועק, דערזעט מען פעלדער מיט וואַסער באַדעקט און אונ־טער'ן וואַסער וואַקסט רייז.

ווען מיר האָבן פאַרלאָזט דעם גאָט פון די ווינטן און דערגרייכט דעם באָדן און מיר האָבן זיך אַביסל אָפּגערוט און באַטראַכט די שיינע בערג, וואָס טוליען זיך צום ים, באַוואונדערט דעם באַרג, וואָס רופט זיך און קוקט טאַקע אויס ווי אַ „דיימאָנד קאָפּ", זיינען מיר נאָכהער צוגעקומען צום „קענאַהע קאָראַל גאַרדען".

די קאָראַלן־פלאַנצונגען זיינען איינע פון די שענסטע און אינ־טערעסאַנטסטע נאַטור־וואונדערס אויפ'ן גרונט פון ים, און מיט וועל־כע דער שטילער ים איז אַזוי רייך.

ס'איז געווען אַ צייט, ווען מען האָט געגלויבט, אַז די קאָראַלען זיינען שטיינער אַזעלכע, אין די אַלטע פאַרגאַנגענע יאָרן האָבן קאָראַלן געגאָלטן אַלס אַ וויכטיקער רפואה־מיטעל; ערשט אין יאָר 1694 האָט אַ געוויסער געלערנטער פראַנצויז, פּריסאָנע, ריכטיק באַ־וויזן, אַז די קאָראַלן זיינען אַ סאָרט לעבעדיקע ברואים, וואָס מיליאָ־נען זייערע קענען זיך געפינען אין איין טראָפּן וואַסער. די־דאָזיקע קאָראַלן און פילע אַנדערע פאַרשיידענע מינים פון זיי, אָדער די

פּאָליפּן, לעבן מיליאַרדנווייז אין די ים'ען פון די וואַרעמע געגנטן. זייער הויט איז באַדעקט מיט אַ סאָרט קאַלך, וועלכע זיי קענען פון זיך אָפּלייגן אין שיכטן. אויסגעשטאָרבענע מיליאָנען דורות פון אַזעלכע באַשעפענישן בילדן מיט זייער אָפּזאַץ די שיכטן העכער און העכער ביז די געביידן קומען פון ים אַרויס און פון זיי אַנטשטייען דאַן די געפערלאַכע קאָראַלן־ריפן, אָדער אונטער־וואַסערדיקע פעלזן, וועלכע צעשמעטערן אָפט די שטאַרקסטע שיף, וואָס שטויסט זיך אָן אויף זיי. אמת, ניט אַזוי שנעל וואַקסן זיי אויס אַזוי הויך. מ'דאַרף נעמען הונדערטער אָדער טויזנטער יאָר איידער די קאָראַלן הויבן זיך אַרויס פון ים.

פאַראַן אַ שיף, וועמעס דעק איז געמאַכט פון גלאָז. ווען מען קוקט דורך איר אַרונטער, זעט מען וואָס ס'טוט זיך אויפ'ן גרונט פון ים. און אין אַזאַ שיף, וואָס געפינט זיך אין „קענאָהע קאָראַל גאַרדען" האָב איך זיך איצט אַריינגעזעצט, די אויגן אָנגעשטריינגט צום גלעזערנעם באָדן און געקוקט מיט גרויס נייגעריקייט צו דערזען די קאָראַלן־פּלאַנצן.

ווען די שיף איז אַוועק אַביסל פון ברעג, האָט דער ים גלייך געוויזן די שיינקייט פון זיין גרונט. דער גאַנצער וועג, פאַר מייל־ן ווייט, וואו די שיף האָט געשוואומען, איז דער ים געווען באַדעקט מיט טויזענטערליי צווייגן פון קאָראַלן־פּלאַנצונגען. יעדער צווייג האָט געהאַט איר וואונדער־שיינעם אויסזען. אָט ליגט אַ קאָראַל־קאָפּ, וואָס האָט דעם אויסזען פון אַ מענטשלאַכן קאָפּ, און ער איז אינגאַנצן ווייס געקאַרבט מיט פיל מיליאָנען לעכעלאַך.

זיין שכן האָט דעם אויסזען פון אַ געמויערטער בריק. פון אויבן באַפּוצט מיט אַ רויטן ים־פעכער און אונטער דעם קאָראַלן בריק יאָגן זיך שיינע קאָלירטע פישעלאַך.

אָט זעט זיך גאָר אַ קאָראַלן באַרג, באַזעצט מיט פילע ים־בלומען, וואָס קוקן אויס אַזוי וואונדערשיין, און אַביסל ווייטער זעט זיך אַ געדיכטער וואַלד פון קליינינקע בוימער, וואָס האָבען דעם אויסזען פון רויטע פעדערן. דער וואַלד ווערט פון אויג פאַרשוואונדען און באַלד באַווייזן זיך קאָראַלן טרובעס, פּונקט ווי עמיצער וואָלט נאָר־וואָס דורך זיי לעבער דורכגעבויערט און לעבן זיי ציט זיך אַ שורה

קאַראַלן, וואָס זעהען אויס ווי אַ האַנט מיט פינגער.

און אָט דערזעט מען גלייך ווי אומעטום איז דער גרונט פון ים עפּעס מיט רויטס באַפּוצט. איך קוק זיך גוט צו און איך דערזע די רויטע, שיינע „האָרנאָן" קאַראַלן־גרופּן. אין טויזנטער פאַרשיידענע קאָלירטע האַוואייער פיש יאָגן זיך שטיפעריש איבער דעם אויסגעפּוצטן גרונט פון ים.

שעה'ן זיינען פאַריבער, די אויגן און געדאַנקען זיינען אָנגעשטריינגט נאָר אין איין ריכטונג, צום גרונט פון ים. און אַלע ווײַלע דערזעט מען אַנדערע נאַטור־וואונדער, איינער שענער פון דעם צווייטען. און דער גרונט פון ים האָט איצט גאָר ניט אויסגעקוקט צו זיין אַזוי מורא'דיק ווי מען שטעלט זיך געוויינלאַך פאָר דעם פינסטערן ים... פאַרקערט, ס'האָט זיך אויסגעדוכט, אַז דער גרונט פון ים קען פאַרגליכן ווערן דורך זיין שיינקייט מיט'ן גן־עדן.

ס'איז נאָך פאַרבליבען אַ פּאָר שעה צו נאַכט, ווען מיר האָבן זיך אומגעקערט פון „קענאָהע קאָראַל גאַרדען", האָבן מיר אַרומגעשפּאַצירט ביים ברעג ים, אויפגעזאַמעלט אַ קאָלעקציע פון אינטערעסאַנטע, שיינע ים־„שעלס" און קאַראַלן. און אָט אַזוי שפּאַצירנדיק האָבן מיר פּלוצים דערהערט ווי אַ קינד וויינט ניט ווייט פון ברעג ים, אין וואַלד. מיר בלייבן שטיין, קוקן זיך אַרום, ווי קומט דאָס אהער? וואו האָט זיך דאָ גענומען אַ קינד? דוכט זיך, ווי ווייט דאָס אויגן קענען דערגרייכן, זעט מען דאָ ניט קיין וואוינונגען און ניט קיין מענטשן. מיר דרינגען אריין אין וואַלד און גייען אין דער ריכטונג, פון וואַנען ס'הערט זיך דעם קינד'ס געוויין און באַלד קומען מיר צו אַ שטרויענער הייזקע און מיר דערזעען ווי אַ פּרימיטיווער האַוואַישער איינוואוינער זיצט האַלב־נאַקעט אויף דער ערד. די זון באַקט זיין שטאַרקן, בראָנזענעם קערפּער. אויף דער ערד שטייט אַ גרויסער שטיינערנער שטייסל קלאַפּט ער דעם באַוואוסטן האַוואַי־מאכל „פּאָגי", וואָס דינט בײַ זיי אַלס ברויט. לעבן אים זיצט זיין ווייב און האַלט אַ קינד אויף איר שויס און דאָס קינד וויינט מיט ביטערע טרערן...

מיר האָבן זיך באַגריסט, זיי האָבן אונז פריינטלאַך געענטפערט און אויף זייער גוטן פּנים און אין זייערע שוואַרצע שיינע

אויגן איז געלעגן א גוטמוטיקער מענטשלאכער שמייכל. זיי האָבן אונז נייגעריק אָנגעקוקט, ווייזט אויס, אז קיין „הייקערס" האָבן זיי נאָך נישט געזען. מיר האָבן זיי אויך מיט נייגיר אָנגעקוקט. ס'איז געווען אינטערעסאנט צו זען ווי אזוי זיי מאכן דעם „פּאָוי".

אזוי ווי דאָס קינד האָט זיך נאָך מער צעוויינט, דערזעענדיק אונז, האָט די מוטער עס גלייך גענומען איינשטילן. זי האָט גענומען א מעסער און אָפּגעשניטן א שטיקל האָלץ פון א וואָרצל פון א בוים. זי האָט עס א ביסל א סמאָלע געטאָן ביים פייער, וואָס איז אין א גרוב געווען אָנגעלייגט פאר די „פּאָוי" צו באקן, און דער־לאַנגט דעם קינד דאָס שטיקל האָלץ און פאר זיך אויך א שטיקל אָפּגעבראָכן. דאָס קינד האָט גלייך אריינגענומען דאָס שטיקל האָלץ אין מויל אריין און איז אנטשוויגן געוואָרן. מיר זיינען געוואָרן נייגעריק צו וויסן וואָס איז דאָס פאר א האָלץ, וואָס דינט אלס מיטל צו מאכן א קינד אויפצוהערן וויינען. און מיר האָבן זיי גע־פרעגט, צו וואָס זיי טוען דאָס? ווארום גיבן זיי דעם קינד א פאר־סמאָליעט שטיקל האָלץ, מיט וועלכן ס'קען זיך נאָך דעם מויל צור־שטעכן? אויף אונזערע רייד האָבן זיי זיך הארציק צעלאכט. דער מאַן האָט פאר א ווײַלע אויפגעהערט צו קלאפּן און האָט אָפּגעשניטן צוויי שטיקלאך האָלץ פון דעם זעלבן וואָרצל. א סמאָליע געטאָן עס אויפ'ן פייער און אונז מכבד געווען דערמיט. מיר האָבן זיך אַנט־זאגט פון דעם כיבוד, נאָר ער איז אזוי פריינטלאך צוגעשטאנען, אז מיר זאָלן דאָס פארזוכן, אז מיר האָבן אים ניט געקענט אָפּזאָגן און מיר האָבן דאָס פארזוכט. און, מערקווירדיק, מיר האָבן דאָס טאקע ניט געוואָלט פון מויל ארויסלאָזן — אזא געשמאקן טעם האָט דאָס געהאט, פונקט ווי א טייערע געטראנק. ער האָט אונז דערקלערט, אז טאקע פון די וואָרצלען מאכן דאָס די האוואייער איינוואוינער וויין. און ער האָט אונז באלד מיט קריגלאך וויין מכבד געווען. עס איז געווען זייער א טייערע וויין. איך האָב אים געפרעגט, פארוואָס ער וואוינט דאָ איינער אליין, ווייט אוועק פון מענטשן, האָט ער מיר געענטפערט אזוי:

צווישן מענטשן דארף מען שווער ארבעטן, דאָ אָבער דארף מען ניט. די הויז קאָסט אים גאָר ניט, פיש און גרינסען גיט אים דער ים, וויין און „פּאָוי" גיט אים דער וואלד. וואָס נאָך מער באדארף

ער? און ער לעבט זיך מיט זיין פאמיליע, ווי זיינע אור־אור־על־טערן האָבן דאָ געלעבט.

מיר האָבן פון זיי געגומען בילדער און פריינטלאך זיך צו־שיידט און איך האָב מיר געקלערט, אז דער ווילדער האוואיער האָט אפשר גערעכט. מיר ציוויליזירטע וואָלטן אפשר באדארפט זיך פון אים לערנען ווי צו לעבן...

אינ׳ם „קאפיאָלאני פּארק“, וואָס געפינט זיך לעבן „וואיקיקי טייך“ האָבן מיר א פּאָר שעה ארומגעשפּאצירט, באטראכט דעם אינ־טערעסאנטן מאָנומענט פאר׳ן „דראגאָן“, וואָס איז פון בראָנז אויס־געגאָסן, באטראכט די חיות, וואָס געפינען זיך אין פּארק, זיך צו־געקוקט צו די צענדליקע פארשיידענע פויגלען, וואָס געפינען זיך דאָרט און באוואונדערט די באוואוסטע אויסטראַליער קענגורוס, וועלכע האַלט אירע קינדער אין א קעשענע, וואָס די נאטור האָט איר אָנגעגנייט אויפ׳ן בויך. נאכהער זיינען מיר צוגעקומען צום הויז, וואו עס האָבן געוואוינט די ערשטע מיסיאָנערן, וואָס זיינען אהער, אויף דעם אינזל, געקומען כדי צו מאכן די ווילדע האוואיער פאר ציוויליזירטע קריסטן...

די ערשטע מיסיאָנערן האָבן זיך אַזש פון פילאדעלפיא אוועק־געלאָזן אויף זעגלשיפן צו די האוואי אינזלען. די רייזע האָט זיי דעמאָלט גענומען פיר חדשים, ביז זיי האָבן דעם אינזל דערגרייכט. זיי האָבן דאָס דאָ די הויז געבויט, און זיך גענומען די ווילדע צום קריסטלאכן גלויבן באקערן. וועגן דער ערשטער ווירקונג, וואָס די מיסיאָנערן האָבן אויף זיי געהאט, זאָגט עדות א בילד פון דער דע־מאָלסטדיקער קעניגין, וואָס הייגנט דאָרטען אויף דער וואנט. די קעניגין האָט איר שיינעם נאקעטן קערפּער מיט א טוך באדעקט, ווייל די מיסיאָנערן האָבן אויף איר געווירקט, אז נאקעט טאָר מען ניט גיין — עס איז ניט שיין. און זי איז דאָס געווען די ערשטע האוואיער פרוי, וואָס האָט איר קערפער באדעקט.

די מיסיאָנערן האָבן דאַן געמאכט פערציק מארקעס אויף צו שיקן בריוו, און עס איז אינטערעסאנט, וואָס 39 מארקעס פון יענע

WORKERS COOPERATIVE
LIBRARY

געפינען זיך נאך אין פארשיידענע פלעצער. בלויז איינע פעלט. און ליבהאבער פון אלטע מארקעס האבען שוין אויסגעגעבן פיל געלט פאר דער 40־טער מארקע.

„קעניגין בישאפ מוזעאום", וואס געפינט זיך לעבן „קאראל הארבאר" איז געמאכט געווארען פון אן אמעריקאנער, וואס האט אים געלאזט אלס אנדיינק נאך זיין פארשטארבערנער פרוי. דער מוזעאום איז זייער א אינטערעסאנטער, אפילו אויסערלאך איז ער אויך אנדערש ווי אנדערע מוזעאומס. די געביידע איז געבויט פון לאווא־פעלזן, וועלכע זיינען גענומען געווארען דא פון די לאווא־בערג.

דא אין דעם מוזעאום געפינט זיך א זאמלונג פון אלץ וואס האט צו טאן מיט דעם לעבן אויף די האוואי־אינזלען. באלד נאכ'ן ערשטן אריינגאנג געפינט זיך א גרויסער צימער, דורכאויס באדעקט מיט די פעדערן פון די שיינע, קליינע האוואי־פויגלען, וואס זיינען דא אנגעזאמעלט ווער ווייס ווי לאנג, אפשר הונדערטער, אדער טויזנטער יארן.

די אנדערע קאמערן זיינען פארנומען אם מערסטן מיט זאמלונגען פון פארשיידענע שטיקער לאווא, וואס האבן אן אויסערגעוויינלאכן אויסזען. אייניקע שטעלן מיט זיך פאר פארשיידענע פיגורן, וואס רופן ארויס גרויס באוואונדערונג.

דא געפינען זיך אייניקע אינטערעסאנטע מאדעלן פון שיינע שטרויענע הייזער, וואס זיינען נאך פארבליבן פון יענע צייטן, ווען זיי האבן קיין ווייסע מענטשן נאך ניט געקאנט, פון קיין קליידער טראגן ניט געוואוסט און געלאזן שטענדיק די זונען־שטראלן זייערע שטארקע, ריזיקע קערפערס צו צערטלען. דעמאלט האבן זיי בלויז ביינאכט זייערע שטרייענע וואוינונגען באנוצט.

דא זעט מען זייערע הילצערנע געטער, צו וועלכע זיי האבען אמאל געדינט. די שניצערייען זיינען גאנץ אריגינעל, אבער זייער פרימיטיוו און קינדעריש. דאס זיינען פארשיידענע שרעקעדיקע פיגורן, וואס קען איבערשרעקן א קינד.

אויך געפינען זיך דא שייניקע ים־שיפעלאך וואס האבן דא אמאל געדינט אלס געלט.

אין די אויבערשטע חדרים געפינט זיך א רייכע זאמלונג פון צענדליקע טויזענטער פארשיידענע ים־„שעלס“ פון די אינזלען אויפ'ן שטילן ים. עס נעמט שעה'ן לאנג זיי צו באקוקן. דאָס אויג קאָן זיך גאָר ניט אָפּרייסן פון באוואונדערן זייער פאשיידענעם, עכטן אויסזען און די מערקווירדיקע קאָלירן, אין וועלכע דער גרונט פון ים איז אזוי רייך.

אויך געפינען זיך דאָ פיל טייערע שניצערייען, וואָס שטעלן מיט זיך פאָר אמת'ע קונסט־ארבעט פון פארשיידענע פעלקער, וואָס לעבן דאָ אויף די אינזלען ביים שטילן אָקעאן. זיי מאכן אייך צו שטוינען, וואו ס'האָט זיך גענומען ביי זיי אזוי פיל פארשטאנד פאר קונסט, אין דער זעלבער צייט ווען אייניקע פון זיי זיינען נאָך געווען קאניבאלן...

— — — — — — — —

ווען ס'האָט זיך דערהערט דער לעצטער שאַל פון שיף און דער ים האָט גענומען ברומען אונטער די שנייד־מעסער פון שיף, האָט שוין די טונקעלע נאכט זיך אויף די שיינע האוואי אינזלען אויס־געשפרייט און זיי פאר'כשופ'ט. זיי האָבן איצט אויסגעזען טרוי־מעריש און נעבלהאפט.

פון ברעג ים האָבן זיך געטראָגן טענער פון „יוקאָליילים“, וואָס האָבן טרויעריק איבער'ן ים זיך צעשפרייט און פארשוואונדן אין דער אומענדלאכקייט.

לאנג־לאנג בין איך געשטאנען א פארגאפטער און מיט א בייג־קענדיקער הארץ געקוקט אויף די שיינע אינזלען, וואָס ווערן פון מיר איצט פארשוואונדן, ווי עס פארשווינדט א שיינער טרוים.

A-5365

* * *

ע נ ד ע.

אין גיכען וועט ערשיינען

צווייטער בוך

די נאַטור וואונדער פון נאָרד אַמעריקאַ.

דריטער בוך

קינדער מעשה׳לאך בנוגע נאַטור וואונדער און לעגענדעס פון פרימיטיווע פעלקער.

פיערטער בוך

טיפן אויף מיין וואַנדער־וועג.

פון זעלבן מחבר.